ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משלי חכמה

## מאבי ממשלי משלים
## המגיד מדובנא

שמות

אידיש

**890**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשס"א לפ"ק

ספר המשל ב

# משלי חכמה

להבין על ידם באורי

## חמשה חומשי תורה והפטרות

ולאלף דעת מוסר ומדות ויראת אלהים.

נלקטו מספר

## אהל יעקב, וקול יעקב


להרב המאה"ג, גאון הדרשנים, אבי ממשלי משלים בחכמה ומוסר, צדיק מושל בי"א

מוהר"ר יעקב מ"מ מדובנא זצ"ל.


---

אין דיזען ספר זיינען מלוקט זעהר וואונדערליכע פירושים אונ באורים אויף חמשה חומשי תורה אונ אויף אלע הפטרות, מיט זעהר קלוגע אונ וויטציגע משלים, וועלכע עס לערנען אונז מדות טובות, מוסר אונ דרך ארץ. אלעס העראוס גענומען פון דיא הייליגע ספרים אהל יעקב אונ קול יעקב פון דעם בעריהמטען דובנער מגיד זכר צדיק לברכה, אונ איבער זעטצט אין יודיש-דייטש.

נלקט ונעתק בשפת יהודית-אשכנזית במצות והוצאת המדפיסים.

---

נאכדרוק פערבאטען

---

# ווילנא


בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תר"נ לפ"ק

---

ГАМЕШОЛИМЪ.

Притчи.

Съ Виленскаго изданія 1883 г. безъ измѣненій.

1890.

# ואלה

שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב וגו׳ דאס זיינן
די נעמן פון די קינדר ישראל וואס זיינן גיקומן
אין מצרים מיט יעקב די ווערטר את יעקב (מיט
יעקב) איז איינגנטליך איבריג. ווידר איז קשה
זאל זיין וויא די קדמונים שרייבן אז דר גלות
מצרים איז נייטיג גיוועזן אזו וויא דיא גמרא
זאגט אין ברכות די דריי מתנות טובות היינו
תורה ארץ ישראל אונ עולם הבא האבן אידן
גימוזט באקומן מיט יסורים אבר וואס האט
מען באדארפט יעקבן האבן דער צו בפרט
אז די חכמים ז״ל שרייבן ווען ניט די סיבה
פון יוסף וואלט יעקב אין קייטין גיבראכט
גיווארן קיין מצרים היינט צו וואס האט מען
אים גידארפט. דער תירוץ איז וויל תיכף
נאך זיין טויט איז ער אויף גיבראכט גיווארן
אין דאס לאנד כנען. דר מיט איז שוין גיווארן
אוועג צו די גאולה פאר ישראל דען מעשה
אבות ירשו בנים אונ ווען ניט ער וואלטין
זייא פאר זונקן גיווארין אין טומאת מצרים
חלילה. דר מדרש בראשית רבה דרשת דעם
פסוק אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה דאס
טייטש הקב״ה זאגט איך וועל מיט דיר אראפ
גידערין אין מצרים אונ איך וועל דיר אויף
בריינגן אויך אויף פריינגן. דער אויך אויף
בריינגן איז גימיינט דאס אלע צדיקים וועל
איך אויף בריינגען גליך מיט דיר וויא דער
פסוק זאגט אין ירמיה מזרה ישראל יקבצנו וגו׳ כי
פדה יי את יעקב וגו׳ השי״ת וואס ער האט פאר
שפרייט די ישראל וועט ער גיוויס צוריק פר
זאמלען וויל ער האט יעקבן אויס גילייזט
כלומר איז דאס גיווארין אסימן גאולה פאר
דעם כלל ישראל דרום דא תיכף אין אנפאנג

ספר שמות איידער עס שטייט נאך דר גלות
זאגט דר פסוק די נחמה הבאים מצרימה זיי זיינן
גיקומן אונ ניט מורא גיהאט פר די קליפת
מצרים ווארום את יעקב מיט יעקב זיינען זייא
גיקומן על כן זיינען זיי גיוועזן ביי זיך בטוח
דאס אזו וויא אים וועט מען נעמען דאס
גלייכין זייא אויך :

ויאמר יי ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים ואת
צעקתם שמעתי מפני נוגשיו כי ידעתי את מכאוביו גאט
ב״ה זאגט איך האב גיזעהן די פיין פון מיין
פאלק וועלכע אין מצרים איז אונ די גישרייא
זייערע האב איך גיהערט פר זיינע באצווינגר
דען איך וויים זיינע ווייטיגען. איז דאך קשה
צו וואס חזערט ער איבר די זעלביגע רייד
דריי מאל אלא די מעשה איז אז מען שלאגט
איינעם זייער שטארק זעהן אלע זיין אומגליק
אבער ווען איינער אגארנישט טוט אקלאפ
איין איידיל מאן אפילו עטוואס איז אמאל
זיין בזיון פיל ערגער פר יענעמס ברענעדיגע
יסורים אויך דר זייטיגר וואס שטייט דר ביי
קען אמאל זיין בזיון מער פון אים אליין
למשל איין אלטער מאן וואס קען זיין יחוס
ביז וויא פיל דורות פריער וואס ער וויים גאר
ניט. איצטער איז שוין אלע ווערטר נייטיג
אונ דר אמתר פשט פון פסוק איז אזו הקב״ה
זאגט ראה ראיתי וגו׳ ערשטן האב איך גיזעהן
פראסט אז מען שלאגט זיי אויך צווייטינס
צעקתם שמעתי וגו׳ איך האב גיהערט דאס הייסט
איך פר שטיי פון לשון כי שומע יוסף דעם בזיון
ווען אזעלכע לייט יחסנים ליידין נגישות פון
די נידעריגע מצריים. ווידר כי ידעתי וגו׳ וויל
איך קען דעם יחוס זייערן ביז גרונט פיל איך
זייער ווייטאג מער פר זיי אליין. נאך אפשט
קען מען זאגין אויף דעם פסוק ואת צעקתם
שמעתי מפני נוגשיו כי ידעתי את מכאוביו דען עס איז
דא פר שיידענע נאטורעס איינר וואס קען
גאר ניט פר ליידן יסורים אונ וויא נאר עס
מאכט זיך עפיש באלד קרעכצעט ער אונ
שרייט. איין אנדערר איז אגרויסר פרליטי
סידן ווען ער ליידעט גרויסע יסורים דא

אחצעט ער דאס זאגט דר פסוק ואת צעקתם וגו'
ווען איך הער זייא שרייענדיג מסתמא איז
שוין גינוג כי ידעתי וגו' דען איך וויים קלאר
דאס זייא ליידן ווייטאג פון די מצריים שוין
פון לאנג אן אונ פון דעסט ווענן האבן זייא
אלץ גישוויגן :

מי אנכי כי אלך וגו' וכי אוציא את בני ישראל ממצרים
דר מדרש שרייבט משה רבינו האט גיטענעט
רבש"ע האסט מבטיח גיוועזן יעקבן ואנכי אעלך
גם עלה דאס הייסט דו אליין וועסט ארויס פירן
פון גלות איצטר הייסטו גאר מיך . נאר אלץ
קשה האט דען הקב"ה חלילה משנה דיבור
גיוועזן . דאס וועט מתורץ ווערן מיט א משל
איינגער מאן האט גיהאלטן ביי שטארבן איז
צו אים גיקומן א גביר זיינר א גוטער פריינד אונ
גיפינט אים אז ער וויינט אונ טענעט דאס
ער מוז זיין בן יחיד א קליין קינד אוועק ווארפן
וויא אפר בלאנזעטר שעפסעלע זיינע טרערן
האט דעם גוטן פריינד דורך גינומן אונ זאגט
אים זיי רוהיג איך וועל אים האלטן ביי זיך
וויא מיין אייגן קינד אונ האט טאקע מקיים
גיוועזן פינקטליך אונ אלץ דינג ביז דר יתום
איז אויף גיוואקסן אונ האט גיטאן מיט אים
אליטעשין שידוך נאר פארין אויף חתונה
איז ער מיט אים ניט גיפארן נאר ער האט
מיט גישיקט זיין רעכטן אן פירער . דר פון
איז דעם יתום זייער ביטר גיווארן אויף דעם
הארצין אונ זאגט צום גביר דוא אמעטער
טאטעס גוטער פריינד ביז די לעצטע מינוט
האסטו גיהאלטן דיין ווארט ריכטיג אונ מיר
גיהאלטן גלייך מיט אלע קינדער דיינע אונ
לסוף איצטר ווילסטו משנה זיין . ענטפערט
דר גביר אים אזו ווען דו וואלסט טאקי גיוועזן
מיין זון בין איך א מוכרח מיט דיר צו פארן
אבער אז דוא ביסט איינגנטליך א פרעמד
קינד נאר צו ליב דיין פאטער האלט איך דיר
וויא א קינד דרום שיק איך אויך איינעם
וואס איך בין אין אים איין גיטרויט אין אלע
מיינע עסקים וויא איך אליין אבר ניט איך
אליין . דר נמשל איז ווען די ישראל וואלטן
באמת פרום גיוועזן דאן וואלט השי"ת אליין
זיי אויס גילייזט ניט דורך א שליח אונ יענע
גאולה וואלט שוין גיהאט גיוועזן א גאולה
שלמה אויף אייביג וויא די מקובלים שרייבן
דעם ענין באריכות . אבר וויא באלד אז זיי
אליין זיינן ניט ווערט גיוועזן מער ניט וויל
ער האט מבטיח גיוועזן די אבות אונ צו ליב
זייער זכות זיינן די ישראל גירעכנט גיווארן
ביי הקב"ה וויא די אבות אליין דרום האט
ער אויך פון זיך גישיקט משהן זיין אן פירער
אין אלע זיינע עסקים וויא כביכול אליין אזו
וויא די גמרא זאגט שכינה מדברת מתוך גרונו פון
משהס האלז האט דיא שכינה אליין גירעט
אויך שטייט אין במדבר לא כן עבדי משה בכל ביתי
נאמן הוא איך טרויא אים וויא זיך אליין כביכול
די רייד שרייבט דר מדרש אין שיר השירים
בשעת משה איז גיקומן אויס לייזן די ישראל
אין נאמן פון גאט ב"ה האבן זייא גיפרעגט
היכן הוא וואו איז ער אליין כלומר ווארום איז
ער ניט מקיים די הבטחה ואנכי אעלך וגו' אונ
שאפט זיך גאר מיט א שליח האט זיך הקב"ה
אפ גירופן אם באתי להבים במעשיכם אין אתם נגאלין
אלא מדלג אני על ההרים אלו האבות דאס טייטש ווען
איך זאל קוקן אויף אייערע מעשים דארפט
איר איצט גאר ניט אויס גילייזט ווערן מער
ניט ווייל איך שפרינג אונ אייל זיך צו דיא
גאולה צו ליב די בערג דאס איז גימיינט צו
ליב די אבות דריבר שיק איך אייך מיט אויף
דיא חתונה פון יציאת מצרים מיין טרייען
שליח משה רבינו אונ ניט איך אליין :

וזה לך האות כי אנכי שלחתיך בהוציאך את העם
ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה ויאמר וגו' אנכי
בא וגו' היינו משה האט ניט גיוואלט גיין צו
פרעה זאגט הקב"ה דא האסטו א צייכן אז
איך שיק דיר דען אז דו וועסט ארויס ציהן
דאס פאלק פון מצרים וועט איר דינן גאט
אויף דעם בארג ענטפערט משה איך קום צו
ישראל . אין דעם ענין איז צו פרעגן כמה
שאלות . ערשטנס וואס איז דר צייכן בפרט
דאס א צייכן איז פון פריער אויף שפעטער

גיט

ניט פון שפעטר אויף פריער. צווייטנס וואס פאר אשייכות האט יציאת מצרים צו דינען גאט דאס הייסט צו קבלת התורה. דריטנס עס איז נייטיג צו פארשטיין דעם הארבן מדרש אויף דעם פסוק הנה אנכי בא דאס משה האט גיטענה'ט איך וועל זיין דר סרסור פון די תורה בעת דו וועסט זאגן אנכי יי אלהיך וגו' דרום וויל איך איצטער ניט גיין. פערטינס דארף מען פארשטיין דעם פירוש המדרש אויף דעם פסוק פון שיר השירים שחורה אני ונאוה איך בין שווארץ אין מצרים אונ שיין בייא דעם בארג סיני דאס אלץ וועט רעכט ווערן מיט אקורצן משל. אשניידר האט גינייט בייא אישובניק חתונה קליידר פאר אטאכטער אין די גאנצע צייט וואס ער האט דארטן גיארבעט ווען דר בעל הבית פלעגט זיך וועלן מיט אים שאפן עפיש איין ארבעט האט ער אים גאר ניט גיפאלגט אמאל האט גיפעלט צו דר ארבעט צייג בענדלאך קנעפלאך אונ נאך אזעלכע הוצאות זאגט דער ישובניק צו דעם שניידר איך וואלט דיר אפילו בעטן דו זאלסט פארן אין שטאט דאס אלץ קויפן נאר אבער איך וויים אז דו ביסט איין עקשן אונ טוסט ניט וואס מען הייסט דיר ענטפערט דער שניידר ווען איך וואלט דיר גיהאט גיפאלגט זיך צו פארדרייען מיט דיין שטוב ארבעט וואלט דיין טאכטר בלייבן נאקעט צו דער חתונה אבר איצטר איין צו קויפן הוצאות צו דיא בגדים וועל איך בודאי יוא פארן דען דאס איז שייך צו מיין מלאכה. דר כלל איז מיר אידין מוזין מאמין זיין וואס עס מאכט זיך מיט אונז איז מן הסתם אלץ לטובה ווארום איז דאס מיגליך ווען אגרוייסר חכם וואס ער איז אמפורסם איבר כמה נוטציגע מאשינן אונ קינצלעריי וועלכע ער האט שוין ארויס גיגעבן אין דר וועלט אונ איצטר זעהן מיר אים מאכינדיג עפעם אזאך וואס עס ווייזט אונז אויס דאכט זיך אז זיין פלאן איז גאר נארעש אונ ניט נוטציג וועלין מיר דען ניט גלויבן אז לסוף וועט זיך בודאי ארויס לאזן

גוט נאר מיר האבן אין דריין קיין ידיעה ניט דאס גלייכן השי"ת וואס האט בעשאפן מיט גרויס חכמה אזו אוועלט מיט פיל ברואים וויא מיר זאגן כלם בחכמה עשית אונ איז אטוב ומטיב וועט טאן חלילה עפים ניט גוטעס גוויס איז אלץ לטובה נאר עס קען ניט זיין גוט וואו עס איז ניט אפריער ניט גוט צום ביי שפיל אדאקטר גיט אחולה ביטערע רפואות אונ פארווערט אים גוטע מאכלים אונ משקאות כדי ער זאל לסוף פרישר אונ גיזינטר ווערן אזו אויך פאסירט זיך מיט אלע אונזערע צרות בפרט דר גלות מצרים פון אים האבין מיר זוכה גיוועזן צו די הייליגע תורה אונ צו אלע אייביגע גליקין וויא דער ענין איז שוין דא גישריבן כמה מאל איצטער וועלין מיר זיך קערן צו דאס וואס מיר האבן אן גיהויבין. משה רבינו האט ניט גיוואלט גיין ווייל ער האט גירעכינט גלות מצרים מיט מתן תורה פר צוויי באזונדערע זאכין דאס איינם האט גאר ניט צו דאס אנדערע אונ ווען ער וועט זיין אשליח ארויס צו ציהן דיא ישראל פון מצרים וועט ער שוין מער ניט קענן זיין דר מעקלער צו מתן תורה דען איין מלאך קען ניט טאן צווייא שליחות זאגט אים הקב"ה ניין ביידע איז איינם וזה לך האות וגו' אונ דאס וואס איך שיק דיר צו פרעה איז אסימן אז עס איז אזו ווארום בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה כלומר צוא ליב יציאת מצרים וועט איר זוכה זיין צו קבלת התורה אזו וויא דר מדרש טייטשט שחורה אני דר פון וואס איך בין פאר שווארצט גיווארין אין מצרים ונאוה בין איך באשיינט גיווארן מיט די תורה ביי דעם בארג סיני אונ אן הוצאות קענען די חתונה קליידר ניט פארטיג ווערן אזו אויך אויף לעתיד לבא זאגט דיא כנסת ישראל אין מיכה אל תשמחי איבתי לי כי נפלתי קמתי דאס טייטש מיין פיינד פרייא זיך ניט אויף מיינע צרות דען מיין אראפ פאלין איז איין פעולה איך זאל אויף שטיין אונ הויך ווערן ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן:

לך וְאָסַפְתָּ אֶת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל דֶר מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אַייבִּיג הָאבִּין דִיא יִשְׂרָאֵל אַקִיוּם נוּר דוּרְךְ זַייעֶרֶע זְקֵנִים. אַרַאיָה פוּן מְלָכִים אַז בֶּן הֲדַד מֶלֶךְ אֲרָם הָאט גִישִׁיקְט זָאגִין אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל כָּל מַחְמַד עֵינֶיךָ יָשִׂימוּ בְיָדָם וְלָקָחוּ דָאס טַייטְשׁ וָואס בַּיי דִיר אִיז דָאס טַייעֶרְסְטֶע (עֶר מַיינְט דִיא תּוֹרָה וַוייל זִיא אִיז דִיא גְרֶעסְטֶע גִילוּסְטִיגְקַייט אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב) וֶועלִין מַיינֶע קְנֶעכְט פוּן דִיר צוּא נֶעמֶען. הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס גִיהֶערְט נִיט צוּ מִיר נוּר צוּ דִי זְקֵנִים אוּנ הָאט זִיךְ מִיט זֵיי מְיַישֵׁב גִיוֶועזְן הָאבִּין זַייא אִים נִיט גִיהֵייסְן פָּאלְגִין. הָאט אַחְאָב מִלְחָמָה גִיהַאלְטִין אוּנ אִיז אִים בַּיי גִיקוּמֶן. אוּם צוּ עֶרְקְלֶערִין פוּן וַואנֶען נֶעמְט זִיךְ דֶער מִדְרָשׁ אַז זַיין מַיין אִיז דַוְקָא גִיוֶועזְן אוֹיף דִיא תּוֹרָה וֶועלִין מִיר מַקְדִים זַיין אַמָשָׁל. בַּייא אַיין מֶלֶךְ זַיינֶען גִיוֶועזְן צְוֵויי דִינֶר. אַיינֶר אַגְרוֹיסֶר גִילֶערְנְטֶר אַגְרָאדְנִיק אוֹיף אַלֶערְלֵיי פְּרוּכְט בּוֹימֶר אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער אַפְּרָאסְטֶר פּוֹיעֶר גִינִיט אִין גְרִינְסִין אוּנ גָארְטִין גִיוָואוּקְס. אִין אָן פַאנְג זוּמֶער בְּעֵת עֶס אִיז נָאךְ קַיין זַאךְ נִיט בִּנְמְצָא הָאט דֶער גִיבְּרַאכְט דֶעם קֵיסָר דִיא עֶרְסְטֶע גְרִינְסִין אוּנ יֶענֶער נַייעַ טְרוֹיבִּין אוּנ גוּטֶע פְּרוּכְטִן. דֶעם מֶלֶךְ אִיז דָאס זֵייעֶר גִיפֶעלִיג גִיוָוארִן אוּנ בֵּיידִן גוּט בַּאשֵׁיינְקְט. אַרוֹיס גֵייעֶנְדִיג זָאגְט דֶר פּוֹיעֶר צוּם אַגְרָאדְנִיק קוּם אִין אַיין קָאנְדִיטֶערְסְקֶע אַבִּיסִיל פַר בְּרֵיינְגִן פַר שִׂמְחָה. רוּפְט עֶר זִיךְ אָפּ גֵייא דִיר מִיט דַיין גְלַייכְן אָבֶּר וִויא קוּמְסְטוּ צוּ מִיר. עֶנְטְפֶרְט דֶר גָערְטֶענִירֶער דַאכְט זִיךְ בַּייא דֶעם קֵיסָר בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַזוֹ גִיאַכְטֶעט וִויא דוּא. אוּנ מַיינֶע גְרִינְסִן אִיז אִים גִיפֶעלִיג גִוָוארִן צוּ גְלַייךְ מִיט דַיינֶע וַויין טְרוֹיבִּין. רוּפְט זִיךְ אָפּ דֶער אַגְרָאדְנִיק זָאל זַיין גִידוּלְד אַחוֹדֶשׁ אָדֶר צְוֵויי וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזִין וֶוער עֶלְטֶער אִיז. לְסוֹף דִיא צַייט אִיז גִיקוּמֶען דֶער אַגְרָאדְנִיק צוּם גֶערְטְנִירֶר אוּנ זָאגְט אַזוֹ אִיךְ טְרָאג אִיצְט פוּן מַיינֶע פְּרוּכְט אַמַתָּנָה פַאר דֶעם קֵיסָר. דְרוּם נֶעם אוֹיךְ פוּן דַיינֶע גְרִינְסִין דִיא בֶּעסְטֶע אוּנ

לָאמִיר טְרָאגִין בֵּיידֶע גְלַייךְ. וִויא זַייא הָאבִּין גִיבְּרַאכְט צוּם קֵיסָר הָאט עֶר דִי פֵּירוֹת צוּא גִינוּמֶן מִיט גְרוֹיס דַאנְק אוּנ דֶעם פּוֹיעֶר הָאט עֶר אוֹיס גִילַאכְט אוּנ זָאגְט דוּ דַארְפְסְט וִויסְן נִיט אִיצְט וֶוען אִין אַלֶע גַאסְן וַואלְגֶערְט זִיךְ שׁוֹין רֶעטַאךְ אוּגֶערְקֶעס אִיז דִי צַייט מִיר דֶר פוּן צוּ בְּרֵיינְגֶן. אָבֶּער סֶעפְּטַאלִין מַאנְדְלֶן אוּנ אַלֶע מִינֵי טַייעֶרֶע פֵּירוֹת וּכְדוֹמֶה זַיינֶען גִיוֶועזְן חָשׁוּב אוּנ בְּלַייבִּן חָשׁוּב. דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹ עֶס אִיז יָדוּעַ דָאס אַלֶע תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶה אוּנ טַייעֶרֶע חֲפֵצִים בַּאשְׁטֵייט דִי חֲשִׁיבוּת אֵיידֶער מֶען בַּאקוּמְט זֵיי. אוּנ בְּעֵת זֵיי זַיינֶען נָאךְ אֵיינֶע זֶעלְטֶנְהַייט. אָבֶּר נָאךְ דִי תַּאֲוָה אָדֶר אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא גִינוּג הָאט עֶס שׁוֹין קַיין שׁוּם וֶוערְדֶע נִיט. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי נֶפֶשׁ שְׂבֵעָה תָּבוּס נֹפֶת אַזַאטֶער צוּ טְרֶעט דִי זִיסֶע שְׁפַייז. וִוידֶר שְׁטֵייט אִין מְלָכִים אֵין כֶּסֶף לֹא נֶחְשָׁב בִּימֵי שְׁלֹמֹה לִמְאוּמָה אִין שְׁלֹמֹהס צַייטְן דָאס זַיינֶע שִׁיפְן הָאבִּן גִינוּג רַייכְטְהוּם אָן גִישְׁלֶעפְּט פוּן אוֹפִיר (אַמֶערִיקָא) הָאט זִילְבֶּער קַיין שׁוּם וֶוערְדֶע נִיט גִיהַאט אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אַרוּם גִיוַואלְגֶערְט אִין יְרוּשָׁלַיִם וִויא שְׁטֵיינֶר. וַוייל דָאס אִיז אֵייגֶנְטְלִיךְ אַפּוּסְטֶע זַאךְ. אָבֶּר תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה אִיז פַאר קֶערְט וָואס מֶער מֶען קֶען ווִילְט זִיךְ אַלֵיין מֶער. אוּנ אַפְּרָאסְטֶר יוּנְג וַוייל עֶר הָאט דְרַיין קַיין גֶעפִיל נִיט הָאט עֶר פַיינְט דִי תּוֹרָה אוּנ הָאט פַיינְט אוֹיךְ דִי אַלֶע אֲפִילוּ וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגֶן זִיךְ דַאמִיט. דִי גְמָרָא דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס אִין סוּכָּה אַכֵּלִי פוּן אַבָּשָׂר וָדָם נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין וֶוען זִיא אִיז נָאךְ לֵיידִיג נִיט פוּל. אוּנ דִיא כֵּלִי פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין אַדְרַבָּה נָאר וֶוען זִיא אִיז פוּל אוּנ נִיט וֶוען זִיא אִיז נָאךְ לֵיידִיג וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ אוֹיבּ דוּ הָאסְט שׁוֹין זִיךְ אַיין גִיהָארְכְט מִיט תּוֹרָה תִּשְׁמַע וֶועסְטוּ וַוייטֶער וֶועלִין הֶערִין וָוען נִיט נִיט. דַאמִיט פַר שְׁטֵייט זִיךְ דִי כַּוָּונָה פוּן אוּנְזֶער מִדְרָשׁ. וַוייל עֶס שְׁטֵייט כָּל מַחְמַד עֵינֶיךָ דָאשׁ טַייטְשׁ זַייא וֶועלִין צוּ נֶעמֶן דֶעם חֵפֶץ וָואס בַּייא דִיר אִיז גִילִיבְּט. אִיז דָאךְ קָשֶׁה דִי זַאךְ וָואס מֶען אִיז

שׁוֹין

שוין געוואוינט צו האבין איז דאס ביא דעם בעל הבית גאר ניט אזו באליבט וויא ביא דעם פרישין מענטשין וואס דער זעהט דאס איצטער דעם ערשטן מאל דארף דאך שטיין עיניהם דאס הייסט וועלכע ביי זיי אין די אויגן וועט באליבט זיין. אלא בוודאי איז דאס גימיינט דיא תורה וואס זיא איז גיליבט אונ וואס מער מען האלט איר ווערט זיא אימער מער גיליבט דען תורה וחכמה בלייבין אלע מאל ביא זייער חשיבות:

למה הרעותה וגו' ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך וגו' משה זאגט צוא הקב"ה ווארום האסטו ערגר גימאכט דען זינט איך האב דר מאנט פרעהן דיין נאמן האט ער אן גיהויבן דאס פאלק ערגר צו טאן. די צווייא ווערטר לדבר בשמך צו ריידן אין דיין נאמן. איז אין פלוג איבריג. כדי דאס רעכט צו מאכן אונ אגב מלמד זכות זיין אויף משה רבינו וויא אזו ער רעט אזו הארט קעגין השי"ת וועלן מיר דער ציילן אסיפור המעשה. צווייא גבירים האבן צווישן אנאנד גיקריגט אמאל האט זיך מזדמן גיוועזן איין גביר האט גיטאן אפאטש דעם אנדערינס אמשרת רופט זיך אפ דער משרת האלט זיך דאס ניט פאר גרינג ווארום זאלסט וויסן זיין יענער אונ יענער איז מיין בעל הבית. וויא ער האט דר הערט זיין שונאס נאמן האט ער אים ווייטר גישלאגן. אז דר משרת איז אוועק אהיים אונ דר ציילט זאגט דר בעל הבית ווער איז דיר שולדיג ווען דו ביסט אנאר אונ האסט ניט גיזאגט אן וועמן דוא ניהערסט. האט דער יונג אן גיהויבן שמייכלען אונ זאגט אוי הלוואי וואלט איך האבין שכל אונ גאר גישוויגין אדרבה וויא איך האב אים דער מאנט אייער נאמן האט ער מיר אויף אייער להכעיס נאך מער גישלאגן. וויא דר גביר האט דאס דר הערט איז ער גיווארין זייער אין כעס אונ האט פר פירט מיט יענעם אגאנצן פראצעס אונ זיך גימיהט ביז ער האט אוים גיפירט אז יענער האט גיהאט אביטערן פסק. נמצא ניט דער בעל הבית האט דאס גיטאן צוא ליב זיין משרת נייערט כדי זיך נוקם זיין פון זיין שונא פר זיין אייגינעם בזיון. אונ דאס האט גווירקט די העצע פון משרת. דר נמשל איז עס איז ידוע בעת יציאת מצרים האט דר מדת הדין שטארק מקטרג גיוועזן אויף אידן דרום האט משה בכיוון דער מאנט דעם רבש"ע ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע וגו' כלומר וויא באלד אז צו ליב וואס איך האב דר מאנט דיין נאמן פר פרעה איז ער גאר ערגר גיווארין דרום ווען אפילו אידין האבין קיין זכות ניט דארפסטו אים ניט שווייגן צוא ליב דיין אייגינעם חלול השם. די רייד ליגט אין מדרש אויף דעם פסוק ומאז באתי וגו' משה האט גיטענת דיא גאנצע וועלט וועט צו ציטערט פר דיין נאמן אונ דער רשע וויא ער האט דר הערט דיין נאמן האט ער נאך אדרבה מער מעיז גיוועזן אנטקעגין דיר אונ גיזאגט מי יי' וגו' דאס איז טייטש ווער איז דאס גאט אז איך זאל אים הערן. דרום האט הקב"ה גלייך צוא אים גיזאגט עתה תראה אשר אעשה לפרעה באלד וועסטו זעהן וויא איך וועל פרעהן ווייזן וואס איך קען. אונ איבער דעם טעם שטייט פיל מאל וידעו מצרים כי אני יי' למען תדע כי אני יי' בקרב הארץ כלומר ווען אפילו ניט קוקנדיג אויף מיין פאלק ישראל וועל איך זיך נוקם זיין אן אים פר וואס ער האט מבזה גיוועזן דעם נאמען ה':

ויאמר יי' אל משה עתה תראה אשר אעשה לפרעה וגו' דר מדרש שרייבט הקב"ה האט אזו גזאגט צו משה איצט וועסטו זעהען וואס איך וועל טאן צו פרעהן אבער דו וועסט ניט זעהן וואס איך וועל טאן צו די איין אונ דרייסיג מלכים אונ כנען. זאגט דר מדרש ווייטר פון דאגן לערנסטו אפ דאס פר זיין זאגן למה הרעותה וגו' האט ער איצונד גנומן אויף זיך דעם שטראף ער זאל ניט אריין קומן אין ארץ ישראל. איז דאך קשה עס דארף דאך שטיין גאט ב"ה האט אים גישטראפט ניט ער האט גינומען זיין שטראף. נאך מער איז קשה דר מדרש שרייבט אין דברים משה איז גשטארבן אויף

דעם זייט ירדן כדי אלע אידין וואס זיינען געשטארבין אין דער מדבר זאלן צוא ליב זיין זכות מיט אים גלייך אויף שטיין. תחית המתים. למשל איינר האט פאר לארן קופר געלט אין אפינצטערין ארט. האט ער זיך בעטראכט ווען איך וועל בעטן אליכט אויף אזו אקלייניקייט אויף צו זוכן וועט מען מיר ניט געבין האט ער דארטין אריין גיווארפין ארענדיל אונ האט גיזאגט דאס ער דארף ארענדיל אויף זוכין האט מען אים גיגעבין אליכט האט ער שוין אנב פאר די ליכט אוים גיזוכט די קליין געלט אויך. דער פון ווייזט דאך אוים דאס גאר ניט איבער אשום חטא איז ער ניט אריין אין ארץ כנען. די קשיות וועט פאר ענטפערט ווערן מיט אמשל צווייא אורחים זיינען גקומען אין אשטאט איינר איונגר מאן דר אנדערר איין אלטר מאן. האבן זייא זיך ביידע צו קריגט אונ דר אלטר האט זייער גישלאגן דעם יונגן האט ער אים אן גיקלאגט וואס האט גיטענת דער אלטר דאס ער איז יענעמס אפעטער אונ ער איז אים דאמיט מדריך צו גוטן דען ער איז גיבליבין איתום אונ ער האט אים אויף גיהאדעוועט אונ דר יונגער לייקינט אונ זאגט ער איז אים גאר אווילד פרעמדר אונ ער האט אים מיט אום רעכט גישלאגן האט דר שופט גיקנסעט דעם אלטן אין פינף אונ צוואנציג רובל פאר דעם יונגן צו באקליידן דאמיט מיט אממה נפשך ביסטו אפרעמדר קומט דיר צו באשטראפין ווארום שלאנסטו אים אונ אויב דוא ביסט טאקע אפעטער אונ מיינסט זיין טובה טוא אים שוין דיא טובה אויך אונ באקלייד אים דען ער גייט נעביך אזו גימיין. דר נמשל איז משה רבינו ע"ה מיט די קינדער ישראל דיא מעשה איז אזו דיא חכמה פון השי"ת האט איין גיזעהן דאס אצדיק דר בעסטר אידעשר נוטער פריינט מוז דא בלייבין ליגן מיט דעם דור המדבר פון זייער טובה וועגין וויא דעם פריערדיגן משל פון מדרש אונ וויא מיר זעהן בייא דעם עגל אויך בייא דעם חטא פון דיא

מרגלים וויא ווייט משה האט זיך מוסר נפש גיוועזן פאר זייא מיט זיינע תפלות ווייזט אין פלוג אוים דאס נור ער איז דער מאן וועלכר איז ראוי דר צו נאר ווייל ער האט זיך גיבעטין בייא הקב"ה אעברה נא ואראה את הארץ הטובה וגו' דאס הייסט ער וויל אריין אין ארץ ישראל אונ ניט קוקין אויף זייער טובה ווייזט דאך גאר אוים פאר קערט. אבער די מעשה איז ער איז זיי גיוועזן איין אמתר גוטר פריינד פון הארצין והראיה ווייל זייערע צרות האט אים פר קוועצט דאס הארץ האט ער הארט גרעט אנטקעגין הקב"ה אונ גיזאגט למה הרעותה וגו' ביז דר מדת הדין האט אים באלד גיוואלט דער פאר באשטראפן נאר ווייל הקב"ה האט איין גיזעהן אז נאר דר צער פון ישראל רעט אין אים האט דער מדת הדין אים ניט גישטראפט איצטער אונ גאט ב"ה האט צו אים גיזאגט עתה תראה וגו' אזו שטייט דא אין מדרש דאס איז גימיינט פון דעם זעהט מען ארוים דאס דו ביסט פארט דער איינציגער גוטר פריינד על כן מוזטו בלייבן ליגן דא אונ ניט זעהן די מלחמה פון די מלכים אין לאנד כנען נייערט דיין תלמיד יהושע דאס איז די כוונה פון לשון המדרש דאס משה האט זיך אליין דאמיט גינומען דעם עונש ער זאל ניט אריין אין ארץ ישראל מיט אממה נפשך ביסטו זיי ניט קיין אמתר גוטר פריינד קומט דיר איין עונש דו זאלסט ניט אריין פר וואס דו האסט צוא הארט גירעט אונ גיזאגט למה הרעותה וגו' אונ אויב דו האסט דאס נור גירעט מחמת גרוים ליבשאפט צו אידן מוזטו שוין טאן דיא טובה אויך אונ שטארבן אין דער מדבר. כדי צו ליב דיר זאלין זייא זוכה זיין אויף שטיין תחית המתים דאס גלייבן שרייבט דר מדרש אויף דעם פסוק אין פרש' ואתחנן אעברה נא וגו' השי"ת האט ג' זאגט צוא משה דו ווילסט האלטן די שטריק פר ביידע ברעגים ווילסטו בלייבין ביי אעברה נא מוז דאך בטל ווערן סלח נא. כלומר טוא ווארום האסטו אזו פיל גיבעטין בייא דעם עגל ומרגלים איך

זאל

זאל זייא מוחל זיין אונ אויב דו ווילסט דוקא מלה נא מוזטו מבטל זיין אעברה נא אונ בלייבין דא אין דער מדבר. וויא משה רבינו האט דאס דער הערט האט ער זיך אפ גירופין רבש"ע. משה אויך הונדערט זיין גלייכן מעגן בעסער שטארבין נאר קיין נאגיל פון אידן זאל ניט שאטין:

# הפטרת שמות

הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל וגו' אום דעם פסוק צוא ערקלערין ווע לין מיר מקדים זיין דעם מדרש אין וישב רבי שמואל בר נחמן האט אן גיהויבן דרשנן אויף דעם פסוק ויהר יהודה מאת אחיו דאס הייסט הקב"ה זאגט עס שטייט אין ירמיה כי אנכי ידעתי את המחשבות אשר אנכי חושב עליכם בית ישראל וגו' דאס טייטש איך ווייס דיא גוטעס וואס איך טראכט אויף אייך אידין. די שבטים האבן עוסק גיוועז אין מכירת יוסף. ראובן יוסף אונ יעקב זיינען גיוועז פאר עסקת מיט זעק אין תעניתים אונ יהודה וועגן אשידוך אבער הקב"ה איז גאר גיוועז באשעפטיגט וויא דער פון צוא באשאפין דאס ליכט פון דעם מלך המשיח וועלכר ער דארף גיבארן ווערן פון פרץ בן יהודה. דעם טיפין גידאנקען פון מדרש לאזט זיך לייכט פאר שטיין מיט אמשל. אפאטער האט גיהאט צוויי זין איינעם אקלוגן דער אנדערר אנאר. אז דער נאר איז שוין צייטיג גיווארין צו אשידוך האט קיינר מיט אים ניט גיוואלט טאן איבער זיינע נארעשקייט. אונ נאך מער אונגליק דאס ער האט זיך גיהאלטן פר אחכם אונ די גאנצע וועלט פר משוגעים. וואס האט זיך דער פאטער מיישב גיוועז ער האט גיהייסן דר קלוגר זון זאל מיט אים צו זאמן רייזן די וועלט אפשר אז ער וועט גינוג אן זעהן וואס עס טוט זיך אין הוויות עולם דר צו וועט אים דר ברודר געבן צו פר שטיין אונ אויף מערקזאם מאכין אין אלץ. וועט ער אביסיל גיניטער ווערן אונ לכל הפחות זיך דר ווייסן אז ער איז אנאר אונ די לייטן זיינען ניט אזו דום וויא ער מיינט. אמאל זיינען זייא ביידע גיקומן אין איין ארט אונ גיזעהן אשטוב פול מיט דיא טייערסטע ניהילץ יאסין מאהאן אונ טענן האלץ. אונ אמענטש שטייט אונ האקט אונ זעגט זייא אויף שטיקלאך. רופט זיך אפ

דער נאר נוא ברודר. וואס זאגסטו צוא דעם בין איך דען ניט גירעכט אז דיא וועלט איז משוגע. דער קלוגר שווייגט אונ ענטפערט אים אוואורט ניט. זייא קומען אויף די אנדרע גאס דר זעהט ער אין אהויז ליגט אלערלייא שניט סחורה אונ איינר שנייט דאס אויף שטיקלאך. דא צוא פיצילט ער אשטיק סאמעט. באלד אשטיק זיידינם. איז דר נאר גיווארן זייער אין כעס אונ גיט אגישרייא ברודר לאמיר גיין פון דאנען דען ווער האט דאס אהארץ צו זעהן אזו איין עובר אויף בל תשחית. זאגט צו אים דער קלוגער בנחת אונ קאלט בליטיג רעכט לאמיר אריין גיין דא אין די דער בייאיגע שטוב אויף אקליין ווייליע אונ באטראכטן וואס דארטן איז. מיט אמאל ער זעהעט עס זיצין פיל שניידערס וועלכע עס נייען צו זאמן די אלע פיצלאך צייג אונ דר פון ווערט אויס גישטעלט בגדי מלכות גאר אפראכט. איצטער זאגט דר קלוגר לאמיר גיין צוריק האט ער אים גיוויזין דאס אויך אין דיא צווייטע פון דיא ערשטע שטוב שטייען שטאלארעס וואס קלייען אונ שלאגן צוא נויף די אלע שטיקלאך גיהילץ אונ מיט אמאל ווערט דר פון די טייערסטע מעבל אין היכל מלך אריין צו שטעלן. דא האט דר נאר שוין אראפ גילאזן דעם נאז אונ דר קלוגר האט שוין גיהאט אפתחון פה אים איבר צייגין אז די וועלט איז ניט דום וויא ער מיינט. אונ דער פעלער ליגט נור אין זיין נארישען שכל. צום בייא שפיל דא. האט ער ניט פאר שטאנען עס קען ניט פאר פארטיגט ווערין די גוטע בגדים אונ מעביל ווען מען צוא שניידעט ניט פריער אויף שטיקלאך. וויא דר אלטער שפריך ווארט זאגט. אנארין טאר מען ניט ווייזן קיין האלבע ארבעט. דער נמשל איז מיר נארישע מענטשן מיר זיינען בלינד אין די הנהגה פון השי"ת מיט די וועלט אונ אפט וואס אונז דוכט זיך אז עס איז ארעה וואקסט דר פון ארויס די גרעסטע טובה. דרום זאגן די חכמים אין ברכות אמענטש איז מחויב צו דאנקן השי"ת מיט שמחה אויף ארעה וויא אויף אטובה. דאס גלייכן דער אונגליק פון מכירת יוסף איז גיוועז דער עיקר סיבה פון אלע אידעשע גליקין ביז סוף כל הדורות. דען ווען ניט די יסורים פון גלות מצרים וואס דער פון איז ארויס גיקומען וואלטן די ישראל גאר גיט ראוי גיוועז דר צו.

דיא גמרא שרייבט אין ברכות דיא אלע דרייא מתנות טובות וועלכע זיינן גיגעבין גיווארן צו ישראל. דאס הייסט תורה. ארץ ישראל. אונ עולם הבא. זיינן זיי נור גיגעבן גיווארין דורך יסורים. אין דעם ענין דרשת דער מדרש דעם פסוק כי אנכי ידעתי וגו׳ מחשבות שלום ולא לרעה דאס טייטש גאר איך ווייס אז מיינע מחשבות פון מכירת יוסף זיינן צו גוטן ביז צום מלך המשיח אבר יעקב אבינו מיט די שבטים האבן גירעכנט פאר די גרעסטע רעה וויא דר מדרש רעכינט אוים. דרום זאגט דר נביא הבאים ישרש יעקב דאס הייסט אלע סבות וואס זיינען גיקומן אויף יעקב זיינען גיוועזן וויא ווארצלען יציץ ופרח ישראל כדי דער פון זאלן שפראצן אונ בליען אלע הצלחות פון ישראל:

# פרשת וארא

וידבר אלהים אל משה ויאמר אליו אני יי וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי ושמי יי לא נודעתי להם

דאס איז טייטש גאט ב״ה זאגט צו משה איך בין יי אונ צו די אבות האב איך זיך באוויזין מיט דעם נאמן אל שדי אונ מיט מיין נאמען יי בין איך צו זיי ניט באוואוסט גיווארן. מיט אקורצין ביי שפיל וועט ווערן פר שטענדליך דעם פשט פון דעם בעוואוסטן הארבן פסוק אויך דיא סמיכות הפרשה צו למה הרעותה פון סוף די פריערדיגע סדרה. אדאקטער האט בארעכינט אזו פיל מעדיצינען דארף יענעם קראנקן אוים צו נעמן אין מיטן האט ער דר זעהן זיינע קרעפטן זיינן דר צו שוואך אונ דר קראנקר מוז באלד אויף הערן נעמן דאך אבר וויא ווייט מיגליך האט ער אים פר דעם אויף הערן איין גיגעבין ווייל ער ווייס קלאר וויא נייטיג די רפואה איז פאר אים. דר כלל איז די כוונת הבריאה איז ניט גיוועזן דר מענטש זאל פרגניגן האבן נאר אדרבה ער זאל אויף דער וועלט ליידן וויא אין איוב שטייט כי אדם לעמל יולד קצר ימים ושבע רוגז דאס הייסט מען ווערט גיבארן אויף צרות ווארום די השגחה ווייס וויא אזו דער פון וואקסט ארוים דער עיקר אייביגער גליק אונ די פאלשע טובת עולם הזה וועלכע מיר האבן דא אמאל גיט מען אונז כדי מיר זאלן זיך עפיס דר קוויקין אונ קענן דורך טראגן די יסורים בדמיון ווען מען קנוטעוועט איינעם אונ דער דאקטער זעהט ער האלט ניט אוים דר לאנגט ער אים טראפינס צום נאז ער זאל זיך אפ חאפין אונ אביסל צו זיך קומן אין דעם גדאנקן שרייבט דר מדרש אין בראשית רבה אין תחלת האט הקב״ה גיוואלט באשאפן די וועלט מיט הוילע מדת הדין אזו וויא דר פסוק זאגט בראשית ברא אלהים אלהים ווייזט אויף דין נאר ער האט גיזעהן די וועלט וועט קיין קיום האבן האט ער צוא גילייגט מדת הרחמים דרום שטייט ווייטער אין בראשית ביום עשות יי אלהים דער יי בעטייט רחמים דריבער זיין הנהגה מיט דיא אבות הקדושים אונ מיט אלע צדיקים וואס האבן שטארקע קרעפטן ביי צו שטיין אלע נסיונות איז מיט הוילע דין אז דר בת קול האט גיזאגט אין ברכות דיא גאנצע וועלט ווערט גישפייזט צו ליב דעם זכות פון מיין זון חנינא בן דוסא אונ ער אליין קומט אפ מיט איין טאפ באקסארן פון פרייטאג ביז פרייטאג. גם איז ידוע דיא ישראל האבין אייגנטליך באדארפט זיין אין מצרים פיר הונדערט יאר נאר ווען אזו וואלטן זיי אריין אין נ׳ שערי טומאה דרום האט גאט זיי ארוים גיחאפט פר די צייט אבר וויא ווייט מיגליך האט הקב״ה זיי איין גגעבן די ביטערע רפואות פון עבודת פרך קורץ פאר זייער ארוים גיין ווייל ער האט גוט פאר שטאנען וויא נייטיג דאס איז גיוועזן משה רבינו האט אבער גירעכינט איצטער איז די ריכטיגע צייט פון די גאולה דארף דאך לסוף גרינגער ווערן אונ דא ווערט זיי אדרבה שווערר על כן האט ער גיטענת למה הרעותה וגו׳ ווארום מאכסטו זייא ערגער דרום שטייט וידבר אלהים אל משה וגו׳ אני יי גאט ב״ה האט אים ערקלערט אז אלהים איז יי דאס הייסט דעם דין אונ פורעניות וואס זיי ליידן איצטר פון פרעה איז דאס גאר רחמים אונ טובות והראיה וארא וגו׳ צוא דיא אבות האב איך זיך באוויזן מער ניט מיט דעם נאמן

אל

אל שדי כלומר איך האב זיך מיט זייא גיפירט דורך אוים מיט דין . אונ מיט דעם נאמען יי' היינו מיט רחמים נאר ניט היינו ער מיינט דו דארפסט וויסן הלוואי וואלטן זיי קענן ווייטר ליידין גלות נאר וייל זייא האבן קיין כחות ניט לכל הפחות זאלין זיי צום סוף איין נעמן ארעכטע פארציאן רפואות :

לכן אמור לבני ישראל אני יי' והוצאתי אתכם וגו' והצלתי וגו' וגאלתי וגו' ולקחתי וגו' דר מדרש שרייבט לכן איז אלשון שבועה הקב"ה האט גישווארן ער וועט זיי אויס לייזין . פירערלייא לשונות גאולה שטייט דא והוצאתי וגו' דרום האבן די חכמים מתקן גיוועזן צו די סדרים פיר כוסות אזו וויא דער פסוק זאגט כוס ישועות אשא ובשם יי' אקרא עס איז נייטיג צו פר שטיין צו וואס איז די שבועה אונ ווארום האט ער ארויס גיזאגט די גאולת מצרים אין פיר פר שיידינע ווערטר. אויך וואס איז דיא ראיה פון כוס ישועות וגו' אהער . נאר די מעשה איז אזו די זאך וואס זיא איז שוין פארטיג אין גאנצין האט נור איין נאמען אונ אין מיטין ארבעט האט זיא פיל נעמן למשל אנייע מאשינע איידער זיא איז צוא זאמען גישטעלט רופט מען דאס צילענדער אונ דיזע רעדליך. שרויפליך. אונ נאכהער רופט מען איר נאר מאשינע . דיא זעלביגע יציאת מצרים איז מער ניט גיוועזן אן איין אנפאנג גאולה אז דער מדרש טייטשט אהיה אשר אהיה וייל איך בין מיט אייך גיוועזן אין דעם גלות קענט איר זיין בטוח איך וועל מיט אייך זיין אין אנדערע גלותין ביז דיא גאולה שלמה אונ דאס הייסט נאך אין מיטין ארבעט דרום רופט ער דאס אן מיט פיל נעמן והוצאתי וגו' דאגעגן ביי די לעצטע גאולה וואס וועט זיין איה"ה שטייט קורץ ובא לציון גואל אונ איבער דעם טעם האבין אונזערע חכמים ז"ל גיהייסין טרינקן פסח פיר כוסות פון אזכרון וועגן מיר זאלן ניט פר געסן תפלה צו טאן אויף אישועה ווארום מיר זיינען נאך גרויסע בעלי חובות אונ צום בייא שפיל ווען מען צאלט אפ אחוב אין גאנצין איז ניט דא וואס צו גידיינקען אבר אז מען צאלט אוים דעם מלוה אין וואכר דא מוז מען שוין גדיינקן פיל מען האט אן גיגעבין אונ וויא פיל מען איז שולדיג דער מדרש דרשינט אין איכה השביעני במרורים ער האט מיר זאט גימאכט מיט מרור דאס גייט אויף פסח הרוני לענה ער האט מיר אן גיטרונקען מיט ביטערנעס דאס איז גימיינט תשעה באב כלומר וייל הקב"ה האט גיהייסין עסן אום פסח מרור צום אן דיינקען האט מען גיקענט פאר שטיין דאס עס וועט נאך זיין צרות . צו די הקדמה איז מיט איין קורצין משל וועט שוין אלעם רעכט ווערן. צווייא גלייכע קראנקע איינעם האט דער דאקטער בעטראכט אונ גלייך גיזאגט מיט דעם רעצעפט וועסטו גיזונט ווערין אונ צום אנדערין קראנקין האט ער אזו גיזאגט דער ווייל וועל איך דיר געבן אמיטל צו דיין קאפ שמערצין מאכן דיר איין אפעטיט צום עסן אונ שלאפן אונ צו דיין עיקר פעלר שווער איך דיר ווען דו וועסט נור פארן זומער אין די בעדר וועסטו גווים גיזונט ווערן ווארום דר דאקטער האט מורא דער קראנקר זאל ניט ווערן ביי זיך גיפאלן דאס ער לייגט אפ זיין הויפט קוראציע אויף שפעטר איז ער גינייט אים צו פר זיכערן מיט אשבועה. דר נמשל איז ריכטיג הקב"ה דער רופא נאמן האט גיוואוסט דאס די אמתע קוראציע פר ישראל וועט איצט קענען זיין לימות המשיח נאך דעם אז מיר וועלן זיך גוט ארום וואלגערין אין פר שיידענע ערטר דרום כדי מיר זאלן ניט זיין גיפאלן האט ער גישווארן אויף דעם שפעטיגן הייל מיטל צום עיקר קראנקהייט אונ צו דיא זייטיגע פעלערין האט ער אונז דר ווייל גיגעבן די פיר לשונות גאולה למשל והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים דאס הייסט איר וועט ניט זיין מער ביי אזו אקשה וויא דער פרעה ווייטר והצלתי אתכם מעבודתם איז גימיינט עבודת פרך וויא אין מצרים וועט איר אין איין אנדער גלות אויף זיך שוין מער ניט האבן אונ אזו ווייטר כלומר פיל גירעט וייל

דאס

דאס איז אגאולה נאך ניט אין גאנצן האט ער זייא גימוזט טרייסטן מיט זייטיגע זאכין דאמיט פירט אויס דער מדרש גאנץ רעכט כוס ישועות אשא ווייל איך טרינק פסח פיר כוסות אנטקעגן די פיר ערלייא נעמן ישועות והוצאתי וגו׳ דר פון פאר שטייט זיך ובשם יי אקרא דאס איך מוז נאך בעטן ביי גאט ב״ה אויף אגאולה שלמה עס זאל זיין ובא לציון גואל אמן :

בא דבר אל פרעה וגו׳ דר מדרש דריקט זיך דא אויס המשל אומר מן שטיא לית הניא אלא מן קציא דער שפריך ווארט זאגט פון דעם דארין איז קיין הנאה ניט סיידן מען האקט אים אויס. למשל אבשערר סוחר מיט אפעקל פירר האבן זיך ביידע מתוכח גיוועזן דער ערליכר סוחר זאגט וואס נוצטו אין לאנד דוא טוסט נאר שאדן אין דער מלוכה. ענטפרט יענר איך טראג איין אין קרוין מער פר דיר. דען סוף גנב לתליה אונ ווען מען חאפט מיר דאן גיב איך אוועק כהנה וכהנה. דער צו ווער איך אשרעק בילד דאס די מלוכה פאר שפארט וויפל שומרים אויפן גרעניץ דען מען האט שוין מורא אריין צו גנבענן סחורה. די מעשה איז הקב״ה ווערט דר הויבן פון ארשע וויא פון אצדיק . וויא שלמה המלך זאגט אין משלי כל פעל יי למענהו וגם רשע ליום רעה גאט האט אלס דינג בשאפן פון זיין לויבונג ווען אויך דעם רשע צום שלעכטן טאג. דען דורך זיין משפט זעהט מען פון גאט ב״ה זיין גבורה אונ אלע שרעקן זיך שוין. דא אויך פרעה האט ניט גיוואלט מיט גוטן אונ האט גירעט מיט עזות מי יי אשר אשמע בקולו ווער איז דאס גאט איך זאל אים הערין . דרום זאגט איצונד השי״ת צוא משה בא דבר אל פרעה וגו׳ והרביתי את אותותי וגו׳ וידעו מצרים כי אני יי וגו׳ הייננ הייב שוין אן מיט ביזין גיב אים מכות ער זאל וויסן ווער איך בין אונ וואס איך קען . דען פון צדיק ווערט הקב״ה גרוים ווען עס גייט אים גוט אונ פון דעם רשע בעת דיא גרעסטע מפלה זיינע. אזו וויא פון פרוכט בוימר האט מען הנאה ווען זייא זיינען גיראטין אונ פון

דערנר נאך דעם אז מען האקט זיי אויס אונ מען הייצט מיט זייא . דאס גלייכן ברייננט דר מדרש דא אויף דעם ענין אמשל . אמלך האט פאר פלאנצט אין זיין גארטין פירות בוימר אונ פראסטע בוימר. פרעגן די קנעכט וואס נוצן זיי דיר . ענטפרט ער אקוראט וויא איך דארף די גוטע אזו איז מיר נייטיג דיא צום הייצן . דען וויא הקב״ה ווערט גילויבט פון די צדיקים אין גן עדן אזו אויך פון די רשעים אין גיהנם. אין דעם זינן ווערט גיזאגט דר שפריך ווארט אויף פרעה מיט די מכות דאס פון אדארין האט מען ערסט הנאה אז ער איז אפ גיהאקט :

ויאמר יי אל משה השכם בבקר והתיצב לפני פרעה דאס טייטש גאט האט גיזאגט צוא משה שטייא אויף גאנץ פריא אונ שטעל זיך פר פרעה . דער מדרש זאגט דאס איז וואס עס שטייט אין משלי חזית איש מהיר במלאכתו דוא האסט גיזעהען איין מאן וואס ער איז גישווינט אין זיין ארבעט דאס איז גימיינט משה דאס ער האט גיך גיטאן דיא מלאכה פון משכן דרום לפני מלכים יתיצב וועט ער זיך שטעלן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה אז די תורה שרייבט אין שמות ויהי שם עם יי ארבעים יום וגו׳ אבר בל יתיצב לפני חשכים ער וועט זיך ניט שטעלן פאר די פר פינצטערטע דאס גייט אויף פרעה דען הקב״ה האט אים מיט זיין לאנד פאר פינצטערט אזו וויא דר פסוק זאגט ויהי חשך אפלה דער מדרש מיינט צוא בעווייזן די גוט הערציקייט פון משה רבינו אפילו אנטקעגן פרעה הרשע האט זיך אים אויך ניט גיוואלט גיין אים ביז טאן דרום האט הקב״ה דא אים באדארפט אן זאגן ער זאל גיין וואס גיכר אין דר פריא . אונ דער פשט פון מדרש איז אזו חזית איש וגו׳ דר מאן משה איז אין אלע מצות גיוועזן זייער גיאיילט אונ פאר פרעה האט ער זיך ניט גיוואלט שטעלן ווייל הקב״ה האט פר פינצטערט אים מיט זיין לאנד וויא מיר גיפינען אין מדרש במדבר רבה די נביאים האבן רחמנות גיהאט

אויף די אומות העולם וויא אויף די קינדר ישראל דען ירמיה זאגט לכן למואב בחלילים יהמה מיין הארץ ברומט אונ קלאגט אויף מואבס צרות וויא פלייטין :

## הפטרת וארא

כה אמר יי אלהים בקבצי את בית ישראל וגו' וישבו על אדמתם וגו' וישבו עליה לבטח וגו' וישבו לבטח וגו' דאס טייטש גאט דר הער זאגט בעת מיין איין זאמלן אירן פון גלות וועל איך גיהייליגט ווערן אונ זייא וועלן זיצן אויף זייער לאנד. דר פסוק חזרט איבער דאס זייא וועלן זיצין אויף זייער לאנד דרייא מאל די זעלביגע זאך. עס וועט אבר רעכט ווערין ווען מיר וועלן מקדים זיין די הייליגע רייד פון די קדמונים. ווארום האט פרעה גיקומט אזוא פיל מכות וואס אין פלוג האט ער קיין שולד ניט גיהאט וויא עס שטייט כי אני הכבדתי את לבו איך הקב"ה זעלבסט האב שווער גימאכט זיין הארץ ער זאל ניט וועלין די ישראל ארויס לאזן. אלא דר טעם איז דאס אזו וויא גלות איז ניט גוט פר דעם גוף אזו אויך איז ניט גוט פאר די נשמה אזו וויא דער פסוק זאגט וירעו אותנו המצרים ויענונו די מצרים האבין אונז גימאכט פאר שלעכטע אין נפש דרום שטייט ניט לנו אונ אויך גיפייניגט אין גוף דריבר אויסר די יציאת מצרים בפשוט האט גימוזט זיין אותות ומופתים כדי צוא ווייזין אידן גופא די גדלות השי"ת דער פון וועלן זיי פרום ווערן אונ זייער נפש וועט גילייטערט ווערן אונ דרום האט פרעה גימוזט ליידן דיא אלע מכות. למשל וויא אקינד איז אמאל שטארק קראנק גיווארן האבן דאקטורים גיהייסן געבן זיין אם ביטערע רפואות אונ אז דאס קינד וועט זייגין וועט דאס ווירקין ער זאל גיזונד ווערין האט די אם אן גיהויבן צו שרייען וואס פר אמחויב בין איך צו טרינקן די ביטרנס האבן די דאקטורים גיענטפרט ווייל די גאנצע קראנקייט איז דאס קינד גיקומען פון דיינע פר דארבענע מילך דרום מוזטו ליידן צו ליב זיין רפואה וויא עס שטייט אין נחמיה ותתן אותות ומופתים בפרעה ובכל עבדיו וגו' כי הזידו עליהם דוא האסט איין גיגעבין אותות ומופתים דעם פרעה מיט אלע זיינע קנעכט ווייל זייא האבין גימאכט די ישראל זינדיגן דרום שטייט ניט זרי איצטער וועלין מיר זיך קערן צו אונזער הפטרה כה אמר יי אלהים דיא ביידע שטות בעטייט אויף ביידערליי בעפרייאונגן הן בגוף הן בנפש וישבו על אדמתם זיי וועלין זיצין אויף זייער לאנד אין צווייערלייא אופנים איינם וישבו עליה לבטח זייא וועלין זיין רוהיג בגשמיות אזו וויא עס שטייט ווייטר ובנו בתים וגו' זיי וועלן בויען הייזער אונ פלאנצן ווייןגערטנר. צווייטינס וישבו לבטח זייא וועלן זיצן רוהיג בנפש בעשותי שפטים וגו' וידעו כי אני יי אלהיהם היינו דורך דעם וואס איך וועל שטראפין זייערע פיינד וועלין זייערע נשמות גירייניגט ווערין דען פון דיא אותות ומופתים וועלן זייא פרום ווערן אונ וועלין דער קענען אזו וויא בשעת יציאת מצרים דאס נור איך בין זייער הער גאט :

## פרשת בא

בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו וגו' גאט ב"ה זאגט צו משה גייא צו פרעה דען איך האב שווער גימאכט זיין הארץ דאס הייסט ער וועט דיר ניט הארכן. איז דאך אקשיא וועט דען איינר זאגן צו זיין משרת הער צו גיי זאג יענעם אזו אונ אזו ווארום איך האב אים שוין גיהייסין ער זאל דיר ניט פאלגין בוודאי וועט דער משרת ניט וועלן גיין אין אזו אשליחות. ווערט דאס רעכט מיט אמשל איינר האט גיטאן אמעשה רע האט אים קהל ניקנסעט אין עטליכע רובל אויף תלמוד תורה זאגט דר מענטש איך וועל אליין אריין טראגן ביז אפרוטה נור טוט מיר די טובה אונ ניט זייט דאס מפרסם האבין זיך אפ גירופן דיא פרנס חדשים מיר מיינן ניט דיינע געלט נור דער עיקר איז גאנץ שטאט זאלן זעהן דיין פסק וועט שוין קיינר די מעשה רע מער ניט טאן על כן איז בעסר אז דו זאלסט ניט וועלן געבן אונ דר קהלשר משרת וועט גיווים מיט דיר מאכן גרויס לארעם דר ווייל וועט מיט דיר פול ווערן די גאנצע שטאט. דא אויך דר הויפט כוונה פון השי"ת איז גיוועזן דיא ישראל זאלין דורך די גרויסע צרות אונ פיל וואונדר פרום אונ קלוג ווערין דרום זאגט ער בא אל וגו' כי אני הכבדתי וגו' למען שיתי וגו' וידעתם כי אני יי ער מיינט גייא צוא אים עס זאל דיר ניט

פאר דריסין וויא אין אן פאנג אויב ער וועט דיר ניט פאלגן ווארום איך האב בכיון שווער געמאכט זיין הארץ כדי צו טאן מיינע מופתים צווישן אים וועט איר דער קענן אז איך בין גאט כלומר דאדורך וועט איר פרום ווערן אין מצרים אונ ראוי זיין צו קבלת התורה :

למען שיתי וגו׳ וידעתם כי אני יי׳ דאס טייטש איך וועל פרעהן שטראפן כדי אידן זאלן זיך דער וויסין ווער איך בין . די קדמונים פרעגן אקשיא איז דען אויסער צוא מאכין איינעם וואונדן ווייל דאס וועט זיין פאר דעם צווייטין איין רפואה אבער עס ווערט רעכט מיט אמשל . דעם זעלביגין משל וואס מיר האבן געזאגט אין דיא פאריגע הפטרה אקינד איז קראנק געווארין האבין דאקטורים געהייסין איין געבין דיא אם זיינע אזעלכע ביטערע פראסקעס וועט דאס קינד געזונט ווערן האט זיא אן געהייבן שרייען וואס פאר אמחויב בין איך צו ליידן זאגן זיי מיר וועלן דיר ערקלערן זיין גאנצע קראנקהייט איז נור דורך דיין פריצינע ווייל דוא האסט געגעסין שעדליכע שפייזן דרום מוזטו אויך ליידן די ביטערנים .

דיא מעשה איז אזו די ערשטע אידעשע אם פון אמונה אונ געטליכקייט איז געווען דיא לאנד מצרים אונ טאקי צום ערשטן מאל וויא משה איז געקומען שטייט אין שמות ויאמן העם וגו׳ דאס פאלק האבן שוין געגלויבט אין גאט אבער אז משה איז דר נאך געגאנגען בעטן פרעהן אונ פרעה האט נאך אדרבה געהייסן שווערר מיט זייא ארבעטין זיינען זייא צוריק זייער שוואך געווארן אין יראת שמים אונ האבין געזאגט צו משה ואהרן ירא יי׳ עליכם וישפוט אונ ווייל דאס איז געווען דורך זיין פריצינע דרום האט מען אים איין געגעבן ביטערע מכות דורך דעם וועלן די ישראל זעהען גאטס וואונדער אונ ווידר געזונט ווערן אין אמונה :

דבר נא באזני העם וישאלו וגו׳ כלי כסף וכלי זהב וגו׳ די גמרא זאגט אין ברכות דער ווארט נא איז אלשון בקשה . דען הקב״ה האט געזאגט צו משה איך בעט דיר זאג דיא ישראל אז איך בעט זיי זאלן לייען זילבערנע אונ גאלדענע כלים פון זייערע שכנים די מצרים כדי דער צדיק אברהם זאל ניט זאגין ארבייטין אונ פייניגן זייא האב איך יוא מקיים געווען אונ דאס וואס איך האב אים צוא געזאגט זייא וועלן ארויס מיט פיל עשירות האב איך ניט מקיים געווען . פרעגט מען אקשיא אונ ווען אפילו אברהם וועט דאס ניט זאגן דארף דען הקב״ה ניט מקיים זיין זיין ווארט . די קשיא ווערט פאר ענטפערט מיט אמשל . צוויי מלכים האבן אצייט יארן צווישן זיך מלחמה געהאלטן אונ פון ביידין איז געפאלן חיל אן אשיעור . ביז זיי האבן געזעהן דאס עס איז קיין תכלית ניט . האבן זיי זיך מיישב געווען מען זאל אויס קלייבין פון ביידע צדדים צווייא גבורים אונ אויף אפלאץ אויס גראבין אטיפע גרוב אונ ווער עס וועט ווערפען אריין ווארפין זאל זיין קיניג אף נעמען דעם צווייטינס מלוכה . האט מען אזוי געטאן . איז צוא געלאפן איין גבור אונ האט געהאפט דעם אנדערן אויפן פלייצע אונ האט אים געטראגין צום גרוב אונ יענר זיצט זיך רוהיג ביז ער האט אים געבראכט צום גרוב דארטין האט ער זיך פלוצלונג אראפ געהאפט אונ האט געגעבין אשטויס דעם טרעגער זיינעם אין גרוב אריין . אונ מען האט תיכף דעם מלך זיינעם איבר געגעבן יענעם מלכס מלוכה . נאך דעם האט געזאגט דר געוואונענער קיניג צו זיין גבור איך וועל דיר ניט לייקענן אז דו ביסט אקלוגר העלד אין דר וועלט אונ האסט מיר גליקליך געמאכט אבער דאך האסטו ניט גוט געטאן דען דיא גאנצע צייט וואס דוא האסט זיך געלאזט טראגן איז מיר די הארץ איין געפאלן איך האב געמיינט דאס איך מיט מיין גאנצע פאלק זיינען שוין נאך אהאר פאר פאלן . די ספרים שרייבן איינגענטליך האבן אידין באדארפט לכל הפחות ארויס שביעי של פסח ווען זיי זיינען אריבער דעם ים . נאר הקב״ה האט אכטונג געגעבן אויב זיי וועלן עטוואס מער פר זאמן אין מצרים וועלן זיי פר זונקן ווערן

אין

אין טומאת מצרים האט ער זיך אונטער גיאיילט . אויך איז ידוע וואס דער מדרש שרייבט אז די רעכטע האב אונ גוטס האבן זיי גירויבט פון די מצרים ביי דעם ים סוף . אונ די רייכטהום וואס זייא האבן צו זאמען גליען אין מצרים איז נאר ניט נאכטעט גוועען אנטקעגן יענע . דרום איז גיוועןן גינוג מיט די עשירות וואס זיי האבן באקומען ביין ים . בפרט דאמאלס איז דאך גיוועןן דער עיקר צייט פון זייער גאולה נאר צו ליב אברהמען וואס ער וועט מיינן דאס וועןן זיי גייען ארויס דעם פערצעטין טאג אין ניסן דאמאלס איז די צייט . אונ זעהט אז זיי גייען ארויס אזו ארעם וועט זיך אים דר ווייליע שרעקין דאס הארץ אונ וועט זאגן אז הקב"ה האט חלילה ניט מקיים גיוועןן זיין הבטחה ואחרי כן יצאו ברכוש גדול דרום האט ער גיבאטן פארן ארויס גיין זאלן זיי צו זאמן לייען זילבר אונ גאלד כדי פאר אברהמען דר ווייליע יוצא צו זיין . נאך אמשל אויף דעם מאמר כדי שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קים בהם דר צדיק אברהם זאל ניט זאגן ארבייטן אונ פייניגן האט גאט מקיים גיוועןן ביי זיי אונ ארויס צו גיין מיט פיל עשירות האט ער ניט מקיים גיוועןן ביי זיי דר תירוץ אויף דאס וואס די מפרשים פרעגן עס איז דאך איבעריג די צוויי מאל בהם (ביי זייא) איז מיט אמשל . איינר האט זיך גילערינט פר אשארוועער האט מען אים אן גזאגט דאס אויף אשמחה איז דער שטייגר פריער דער לאנגט מען צום טיש פיש אונ חריין נאך דעם פ"יש אונ זענעפט . מיט דר צייט האט אים איינר גינומען פר אשארוועער . האט ער אויף איין טיש דער לאנגט פיש אונ אויף דעם אנדערן האט ער אוועק גישטעלט די חריין . אויף דעם טיש פלייש אונ אויף דעם אנדערן זענעפט . איז גיווארן אגילעכטר ביא דעם טיש אונ זיי זאגן צו אים איז דאס איושר יענע מחותנים זאלן עסן אלע גוטע מאכלים אונ מיר זאלן מער ניט ליידן אז די ביטרנעס .

דר נמשל איז אזו לויט די גזירה האבן אידן באדארפט זיין אין גלות מצרים פיר הונדרט יאר . אונ לסוף זאל מקוים ווערן די הבטחה ברכוש גדול (זייא זאלן ארויס מיט פיל גוטש) וויא אין פסוק שטייט גישריבן נאר איבר די טומאת מצרים האט ער זיי ארויס גינומען פאר די צייט . אונ די איבעריגע יארן גלות איז גיבליבן אחוק אויף די שפעטיגע דורות . אם כן דעם דור פון מצרים האט גאר ניט גיקומט זייא זאלין ארויס מיט עשירות נאר אבר עס איז דאך קיין יושר ניט אז זיי זאלן אויף עסן גאר די חריין דאס הייסט נאר די עבודת פרך . אונ דעם דור וועלכר ביי אים וועט אויס קומען דר סוף פון די פיר הונדרט יאר זאל אן קומען גאר די גוטש דרום האט הקב"ה זיי אויך גליקליך גימאכט . חאטשע על פי דין קומט זיי ניט איצט איז שוין גרעכט די צוויי מאל בהם . אונ אזו איז דר פשט פון די גמרא שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קים בהם כדי דר צדיק אברהם זאל ניט זאגן עס איז קיין יושר ניט . דינען אונ פייניגן האט ער ביי זייא מקיים גיוועןן היינו ביי דעם דור פון מצרים אונ ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קים בהם האט ער ניט מקיים גיוועןן ביי זיי נאר ביא דעם שפעטיגן דור . דרום האט הקב"ה דעם דור אויך גגעבן עשירות לפנים משורת הדין:

החדש הזה לכם אין מדרש שטייט . רבי מאיר זאגט הקב"ה זאגט אזו . כביכול פאר מיר איז אויך די גאולה וויא עס שטייט אין שמואל אשר פדית לך ממצרים גוי ואלהיו דו האסט אויס גילייזט דאס פאלק אונ זיין גאט . דרום וועט זיין די שמחה אנאנצע פר דעם ארימאן אויך . דעם הארבן מדרש פאר שטייט זיך מיט אמשל . אמלמד אין גבירעשע הייזער האט גליטן גרויס דחקות רחמנא ליצלן אמאל זאגט צו אים די ווייב דיר איז גוט אויפין הארצן ווייל שטענדיג גיפינסטו זיך אין די פרייליכסטע גיזעלינשאפטן נאר איך מיט די קינדער זיצין אין די עלינדע שטיבעלע אונ פינצטערן . ענטפערט ער הלואי וואלט איך

רייזר

מער ניט ליידן ביי זיך אין שטוב. מיר אבר
טרייבט נאך השי"ת ארום זעהן וויא אלע
נישטן אונ ליידיג גייער לעבן מיט אלע פר
געניגן אונ איך מיט מיין געזינטל מוזן ליידן
הונגר אונ קעלט ווארום דעם הונגעריגן אונ
דעם טרויעריגן מאכט אן יענעמס מעדני
מלכים אונ שמחות אדרבה נאך מער הונגר
אונ עצבות. דרום האט די תורה אונ כמה
נביאים אן גיזאגט מען זאל זעהען געבן יום
טוב אלמנות אונ אביונים כדי די שמחה פון
יום טוב זאל ניט זיין אסבה צוא מער
אומעטיקייט פאר זיי. דר ענין איז דא וויא
דער מדרש שרייבט אין כמה ערטר. אידן
זיינן ניט ראוי גיוועזן צו גאולת מצרים אונ
הקב"ה האט דאס גיטאן כדי צו היטין זיין
אייגענעם כבוד. דאס מיינט רבי מאיר הקב"ה
זאגט וואלט איר ארוים צו ליב אייער זכות
וואלט יעדער פון אייך גינימן פון די שמחה
וויא ער איז ווערט. אונ דער ארימער דאס
הייסט וואס האט קיין זכות אונ מעשים
טובים ניט וואלט גיהאט נאך מער אומעטיג
גיוועזן. אבר איצונד אז איך ווער אליין אויס
גילייזט. דאס איז גימיינט כדי צו פאר היטן
עס זאל ניט זיין א חלול השם פר מיר לייז איך
אייך אויס בתורת נדבה וחסד. דרום וועט
זיין די שמחה פון יציאת מצרים פר פול פיר
אלעמען אפילו פר דעם ארעמאן אין מצות
ומעשים טובים אויך. די זעלביגע אין משיח
ציטין ווען אידן טעלין אפילו חלילה ניט
ווערט זיין זאגט הקב"ה למעני למעני אעשה כי איך
יחל דאס טייטש כדי צו פר היטין מיין חילול
השם וועל איך דאס טאן אונ אייך ארוים
ציהען פון גלות במהרה בימינו אמן:

והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם
ואמרתם זבח פסח וגו' אין די הגדה שטייט דאס
איז די שאלה פון דעם רשע וייל ער זאגט
לכם צו אייך ווייזט אויס ער נעמט זיך ארוים
פון כלל אידן אונ וויל קיין מצות ניט טאן
דר עולם פרעגט א קשיא דר חכם זאגט דאך
אויך אתכם (אייך). דר תירוץ איז ווען איין
משרת זעהט דעם אנדערן משרת טוענדיג
דאכט זיך אווילדע זאך צום בייא שפיל ער
ברעכט אנאנגט אדר שויבן אונ דאס גלייכן
אונ ער פרעגט אים ברודר זאג מיר ווארום
האט געהייסן אונזר בעל הבית דיר דאס טאן
פר שטייט זיך פון זיין שאלה אז ער גלויבט
דאס עס איז דא גיווים אקלוגר אויבער האר
דרויף וואס יענר הייסט אפילו אווילדין ענין
דאכט זיך מוז מען אים אויך פאלגן נאר ער
וויל נור דר גיין דעם טעם אונ זיין כוונה אבר
אז ער זאגט נור מיט דעם לשון וואס טוסטו
אזו אדומהייט היינו דעם נאמען אונזער בעל
הבית דער מאנט ער גאר ניט דר פון זעהט
מען ארויס זיין מיין אז ער שטעלט זיך גאר
ניט פאר אויב עס איז דא איין אויבר האר
וואס מען מוז היטין זיין באפעל בוודאי איז
דר איין עזות פנים ער הערט די וועלט ניט.
דא אויך דער חכם זעהט אז מען עסט מצה
אונ מרור אזעלבע חוקים וואס דער שכל
באגרייפט ניט פרעגט ער מה העדות והחקים
והמשפטים אשר צוה יי אלהינו אתכם דאס הייסט וואס
בעטייט די מצות וואס אונזר גאט האט אייך
גיהייסן נמצא גלויבט ער דאך יוא אז עס איז
דא אגאט מער ניט ער וויל פאר שטיין מיט
דעם שכל זיין באפעל. דר רשע אבר זאגט
מה העבודה הזאת לכם וואס טוט איר די עבודה
אונ דעם נאמען גאט ב"ה דער מאנט ער ניט
בוודאי איז ער אכופר בעיקר:

# הפטרת בא

הדבר אשר דבר יי וגו' הגידו במצרים וגו' כי יי הדפו
ווען נבוכדראצר מלך בבל האט בעדארפט קומן
שלאגן דאס לאנד מצרים האט הקב"ה אזו גזאגט
צו ירמיהו הנביא זאגט אן אין מצרים גרייט זיך
אן דען דר שווערד האט פר דארבן ארום דיר
קיינר פון דיינע גבורים זיינן ניט באשטאנן אין
מלחמה וייל גאט האט אים פר שטויסן. מען
דארף פר שטיין ווען הקב"ה האט יוא גיוואלט
דאס מצרים זאל אונטר גיין וויא עס שטייט כי
יי הדפו טוא וואס איז די פעולה וואס ער האט
גיהייסן אפריער זייא מודיע זיין אונ נאך כמה

דקדוקים איז דארין צו פרעגן . עס וועט אבער פר ענטפערט ווערן מיט אמשל. אשר האט גהאט צווייא באקאנטע ער האט זיי גיליבט אונ גיזארגט פאר זייער גוטס איינער פון זייא איז אים גיוועזן גיהארכזאם דער צווייטר איז אבער גיוועזן אין עקשן אונ האט שטענדיג גיטאן פר קערט. אמאל האבן די לייטן גיוואלט טאן אגישעפט אונ ווייל דר קלוגר אונ דער גוטר שר האט גוט פר שטאנן אז דר עסק לוינט ניט פר ביידן האט ער צו זייא גישיקט זאגן דאס זייא זאלין זיך היטן דער פון . נאטירליך דער ערשטר האט גיפאלגט זיין עצה אונ איז ניצול גיווארן פון שאדן דער עקשן האט אבר גיטאן דווקא פאר קערט אונ איז אונגליקליך גיווארין פון דעם שלעכטין גישעפט אונ אז מען האט גיפרעגט דעם שר וואס איז די פעולה דאס דוא האסט מתרה גיוועזן דעם עקשן ווייסטו דען ניט דאס ער הארכט דיר ניט אונ טוט אימר וויא אים ווילט זיך האט ער גיענטפרט דיא פעולה וועט אבר זיין אויף שפעטר דאס ער אונ אנדרע זיין גלייכן וועלן שוין גוט פר שטיין ווער איך בין אונ וויא מיינעם אווארט צו שעטצן . דא אויך האט הקב"ה פריער מודיע גיוועזן דעם מענטשן אונ זאגט אים זיין עונש כדי דר בעל עבירה זאל תשובה טאן אויך כדי דער רשע וואס וועט ניט פאלגין זאל קלאר וויסן אז די פורעניות איז ניט גלאט אזו מיט אצופאל אויף אים גיקומן נייערט מיט השגחה פון הקב"ה אונ אבעוויז איז דאס ער האט פריער מודיע גיוועזן אז עס וועט אזו אונ אזו זיין דאמיט איז רעכט דיא קשיא פון דיא מפרשים דא אין דיא סדרה ווען הקב"ה האט שווער גימאכט דיא הארץ פון פרעה אזוא וויא עס שטייט כי אני הכבדתי את לבו טוא ווארום האט ער גישיקט אים מתרה זיין ער זאל בעסר ווערן נאר דיא פעולה איז גיוועזן אום פרעה זאל וויסן אזוראס איז אים גיקומן פון השי"ת ניט במקרה אונ דרום האבן אלע דר קענט די גדלות הבורא ית"ש אזו וויא דר פסוק זאגט ולמען תספר וגו' אותותי אשר שמתי בם וידעתם כי אני יי דאס טייטש כדי דו זאלסט דר ציילן די נפלאות וועלכע איך אליין האב גיטאן אין מצרים דאמיט וועט איר פאר שטיין ווער איך בין . די זעלבע דא אין הפטרה אז השי"ת האט גיוואלט דאס מצרים זאל חרוב ווערן דורך נבוכדנצר האט ער אפריער גיהייסן זיי מודיע זיין אום זיי זאלן נאכהער ניט זאגן אז די פורעניות זיינן גיקומן נאר בדרך הטבע אונ אויב זיי וואלטן עפיס אידיעה גיהאט דער פון וואלטין זייא זיך גוט מכין גיוועזן צום קריג אונ ניצול גיווארין פון נבוכדנצרס האנט וויא דער פסוק זאגט התיצב והכן לך אדרבה גרייט זיך אן מיט גינוג זאפאס אונ דאך וועסטו גאר נישט מאכין ווייל עס איז אזו נגזר גיווארין פון הקב"ה ווייטר שטייט דארטין קראו שם פרעה וגו' נאם המלך יי צבאות שמו וגו' כלי גולה וגו' דאס טייטש אטייל האבן גיזאגט אז פרעה האט פר זאמט די גוטע צייט אונ האט ניט גוט גיפירט אונ דרום האבן זיי פר שפילט די מלחמה זאגט הקב"ה איך דער גרעסטער העלד פון דיא מלחמה זאג דיר אז ניט דאס איז דיא סבה נור עס איז אגזירה פון מיר דרום גרייט זיך בעסער אן גלות כלים :

## פרשת בשלח

ויהי בשלח פרעה את העם וגו' דר מדרש שרייבט אמשל אבן מלך איז אוועק גיפארין אין אמדינה אונ ער איז איין גישטאנן ביא איין עשיר אין הויז צו ליב דעם זון פלעגט דער מלך אפט שרייבן בריף צום עשיר וויא דער מלך האט אפ גינומן פון אים דעם זון האט ער אן גיהויבן צוא קלאגין אונ זאגט איצונד וועט דר מלך צו מיר קיין גירים מער ניט שרייבן . אזו האט פרעה אויך גיזאגט כל זמן די ישראל זיינן ביא מיר גיוועזן בין איך חשוב גיוועזן ביי הקב"ה ער פלעגט מיר שיקן בריף אונ איצונד אז זיי זיינן ארויש איז ויהי לשון טרויער דרום שטייט ויהי בשלח פרעה דער מדרש איז אפליאה מען ווייס דאך וואסערע ליבע גיריסן האט צו אים גישיקט ווידר אמכה אבר אמכה טוא וואס קלאגט ער נאך זייא אזו שטארק . דאס ווערט רעכט מיט אמשל אגבירס אזון איז גיזעסן תפוס יעדער מאל פלעגט דער פאטר שיקן עסן פאר אים עטליכע פארציאנן וויא פאר פיל מענטשן אמאל פרעגט אים דער דינר איך ווייס דאך דאס אין דר היים עסט ער ניט אויף אצענט חלק דר פון ווארום שיקט איר אים אזו פיל זאגט דר פאטר אין דר היים האט ער גיזעהן

פון מיין האנט אבער איצט אין גיפיינקנים יעדר ביסן מוז דורך גיין דורך וויפל מענטשן אונ דאס שענסטע אונ דאס בעסטע נעמען זייא אראפ אפריער פאר זיך אלזא מוז איך שיקן גינוג עס זאל פאר אים האצבע עפעס בלייבן. דר נמשל איז אין ארץ ישראל האבן מיר גיהאט אגרויסע השפעה פון זיין האנט כביכול. אבער אין גלות קומט אונז אן דורך די שרי אומות של מעלה וואס עס בלייבט פון אלעמן אזו וויא דר פסוק זאגט נתתה שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו דאס טייטש איך פריי זיך ווען דיא אומות האבין צוא פיל כלומר דאמאלס האב איך אויך עטוואס. אזו אויך בעת די ישראל זיינען גיוועז אין מצרים איז פרעה מיט די לאנד גליקליך גיוועז אזו וויא דער פסוק שרייבט אין בראשית כגן יי כארץ מצרים מצרים איז גיוועז וויא אגן עדן ווייל הקב"ה האט זיא גיגעבן גרויס השפעה דאס עס זאל קענן בלייבן פר ישראל אויך עטוואס. אבער נאך דעם האט זיא אויף גיהערט דיא השפעה אין מצרים אויך איז ידוע דאס די גזירה איז גיוועז אויף פיר הונדרט יאר צוא זיין אין גלות מצרים נאר מחמת מען האט מיט זייא גיארבעט עבודת פרך האט זיך דר זמן גיענדיגט מיט הונדרט ניינציג יאר פריער אונ דרום האבן די מצרים גיזאגט מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדנו דאס טייטש וואס האבן מיר גיטאן אז מיר האבן גימוזט ארויס שיקן דיא ישראל איבר די סיבה וואס מיר האבין מיט זיי צו שווער גיארבעט אונ צו ליב דעם האבן מיר אן גיווארן דיא גרויסע השפעה. דאס איז דיא כוונה פון לשון המדרש פרעה זאגט צו ליב די ישראל בין איך גיוועז חשוב ביא הקב"ה אונ ער פלעגט מיר שיקן בריף דאס הייסט דר עיקר השפעה איז צו מיר אן גיקומען אפריער צוא ליב זייא אונ איצטער איז ויי הי אצרה:

ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים דער ילקוט טייטשט ולא נחם וגו׳ ער האט זייא ניט גיפירט מיט אדרך ארץ דאס הייסט מיט דער טבע דען די טבע איז אז וואסר רעגנט פון אויבין אזו וויא דער פסוק זאגט הנני ממטיר לכם לחם מן השמים איך וועל פר אייך מאכן רעגענן ברויט דאס איז מן פון הימיל אונ וואסער איז אויף גיגאנגן פון אונטן וויא עס שטייט עלי באר וגו׳ גייא אויף ברונים. דר פירוש פון ילקוט איז אזו אקינד בעת ער איז נאך יונג האלט אים דר פאטר אויס מיט אלע הצטרכות אונ וויא ער קומט שוין אין יארן גיט ער אים אגיוויסן קאפיטאל אונ לערנט אים האנדיל כדי ער זאל זיך אליין פר דינען חיות. די הנהגה פון הקב"ה מיט ישראל איז אויך אזו אין ארץ ישראל אז מיר האבין גיהאט אבית המקדש מיט קרבנות אונ מיט דיא היילינגע עבודה האבן מיר ארויס גיצויגן פון אויבן מזל ברכה אונ השפעה האט גאט ב"ה אונז גישפייזט מיטן דרך הטבע היינו עס האט גירעגנט אין דר צייט אונ פעלדר זיינן גיוועז גיראטן אבר איידר זיי זיינן ארייין אין ארץ ישראל זיינען זיי נאך גיוועז בבחינת יונגע קינדער וואס טויגין ניט אליין צו פאר דינען דרום האט ער זיי גיהאלטן אויף זיין טיש דאס הייסט זייא האבן גילעבט על פי נס פון מן וכדומה נאר דר כלל איז כל זמן מען קען זיך דורך מאטערן על פי טבע טוט השי"ת קיין נסים ניט על כן אויב זייא וואלטן ארויס פון מצרים אין דער צייט וואלטן זיי תיכף ארייין אין ארץ ישראל אונ גישפייזט ווערן וויא דר סדר עולם פירט זיך נאר ווייל זיי זיינן ארויס פר דר צייט וויא מיר האבן פריער דר מאנט דרום האבן זייא נאך ניט גיקענט ארייין אין ארץ ישראל אונ גימוזט דר ווייל פאר זאמן אין דר מדבר אונ ציען חיות פון הוילע נסים איבר דער טבע. דאס זאגט דער ילקוט ויהי בשלח פרעה כלומר ווייל פרעה האט זייא גימוזט פאר דר צייט ארויס לאזין דרום ולא נחם אלהים דרך ארץ האט הקב"ה זייא ניט גיפירט מיט נאטור וויא די וועלט פירט זיך ברויט זאל וואקסן פון דער ערד נייערט פון הימיל:

ויסב אלהים את העם דרך המדבר דאס טייטש

נאט

נאט האט ניפירט די פאלק ארום דורך דעם מדבר. דר מדרש שרייבט דר פר האבן די חכמים גיזאגט אז אפילו דר גרעסטר עני מוז האבן פסח צום סדר אהסיבה. דעם סמיכות פון ויסב צו די הסיבה פון פסח. וועט רעכט ווערין מיט דעם משל. אמשרת האט אפ גיטראטן פון אגביר אונ אן גיקומן צו איינעם אמיטעלן בעל הבית אונ אז דר פאריגר הער זיינר האט אים אויס גירעט האט ער אים אזו גיענטפערט אמאל האט איר מיר גישיקט צו אים וואס אפ נעמן האב איך גיפונגן דר משרת זיצט גלייך מיט אלעמען אין טיש אונ עסט אונ וויא דר משרת איז אוועק פון טיש מיר דר לאנגען דעם חפץ האבין אלע אויף גיהערט עסן אונ גיווארט ביז ער איז גיקומען צוריק דיא איידילקייט איז מיר גיפעליג גיווארן אונ פר האף ביי אים אין הויז וועט מיר זייער גוט זיין. דיא מעשה איז וויא די הייליגע ספרים שרייבן איינגטליך האבן זיי באדארפט תיכף פון מצרים אריין אין ארץ ישראל אונ צו ליב די וואס זיינן נאך ניט ראוי גיוועהן דר צו האט הקב"ה זייא גיהאלטין אין דער מדבר ביז אלעמענס נשמות זיינן מתוקן גיווארן אפילו דיא נידעריגסטע מדרגות דאס גלייכן לימות המשיח שטייט אין מיכה כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות דאס הייסט יענע גאולה וועט זיין אויף דעם אופן פון יציאת מצרים ווערן אויך די צדיקים מוזן ווארטן ביז די צייט וועהן אלע פראסטע אידין אפילו וועלין גירייניגט אונ גילייטרט ווערן צו די גאולה אונ דרום האבן די חכמים אן גזאגט אפילו דעם עני שבעניים מוז אויך מאכן אהסיבה ווייל די הסיבה ווייזט אויף דיא גאולה וואס וועט זיין לעתיד לבוא וויא מיר זאגין אין דער הגדה השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין כלומר אפילו דער פראסטר איד וועט אויך זוכה זיין צו די נחמה אונ כל זמן איין איד וועט נאך ניט ראוי זיין וועלן אלע מוזין אויף אים ווארטן. דאס איז דיא כוונה אין אונזר מדרש ויסב אלהים וגו' ווייל גאט ב"ה האט זיי ארום גירינגלט אין דר מדבר אונ די צדיקים האבן גיווארט אויף די גימיינע לייט דרום האבן די חכמים ז"ל גיהייסן אז איין עני זאל אויך האבן צום סדר הסיבה כלומר דאס באווייזט אז לעתיד לבוא וועט מען ווארטין אפילו דר וואס איז ארעם אין מעשים טובים אונ איטליכער וועט זוכה זיין צו דיא גאולת שלמה במהרה בימינו אמן:

ואני הנני מחזק וגו' ואכבדה בפרעה ובכל חילו וידעו מצרים כי אני יי בהכבדי בפרעה אונ איך וועל גיעהרט ווערן דורך פרעה אונ דורך זיינע חיל דאן וועלן די מצרים וויסן דאס איך בין גאט אז איך וועל גיעהרט ווערן דורך פרעה. אלע פרעגן אויף דעם כופל לשון איין מאל ואכבדה בפרעה אונ ווידר בהכבדי בפרעה מיר וועלין דאס פר שטיין בדרך דמיון דר שטייגר איז אסוחר לבד וואס ער באצאלט דעם בעל אכסניא פר אלין דינג לאזט ער אים אויך אמתנה פון זעלביגין מין סחורה וואס ער האט דא פאר קויפט. דא אויך השי"ת האט פרעהן באצאלט פר זיינע חטאים נאר ווייל ביי אים האט ער נוט גילייזט דאס הייסט ער איז גיווארין אמפורסם אין דער וועלט דורך פרעה דרום האט ער אים אויך גיגעבין אמתנה פון דעם זעלביגין מין סחורה היינו זייא האבין אויך באקומען אידיעה אין געטליכקייט דאס זאגט הקב"ה ואכבדה בפרעה וגו' דורך פרעהן וועל איך גיעהרט ווערין אין דער וועלט וידעו מצרים וגו' כלומר ווייל איך וועל דורך אים גרויס ווערין דרום וועל איך אים געבין אמתנה דאס דיא מצרים וועלן אויך דר קענען מיינע געטליכקייט:

אז ישיר וגו' השירה הזאת דאס דאזיגע גזאנג. דר מדרש שרייבט אלע שירות פון עולם הזה איז גישריבין בלשון נקבה אבר לעתיד לבוא שטייט אין תהלים שירו ליי' שיר חדש דעם ניגעם גיזאנג מיט אלשון זכר. דר טעם דר פון על פי שכל איז אזו וועהן עס ווערט גיבארן אקינד איז די שמחה פר דעם מאן וויא פאר די וויב דער חילוק איז זיא האט גינוג גיליטין יסורים פון טראגין אונ האבין אונ ער קומט צוא אפרטיגע שמחה אויך הגם זיא ווייס אפריער

דאם

דאס זיא ווערט האבין צער אונ ווייטיג דאך האט זיא חתונה. דיא זעלבע איצטער אלע נסים אונ שמחות וועלכע מיט אונז מאכט זיך קומט דורך פיל צרות אונ גזירות וואס מיר ליידן אפריער אונ דיא צרות מוזן מיר מקבל זיין בשמחה אונ גלויבן אז דאס איז לטובה דר פאר לימות המשיח וועט שוין זיין הוילע שמחה אונ נחמה אונ פון פורעניות וועלן מיר גאר ניט וויסין אזו וויא ישעיה הנביא זאגט ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה דאס מיינט דער מדרש איצטער ווען מיר זאגן שירה אויף אנס האבן מיר דאך גיוויס פריער גינוג צרות גליטן אזו וויא איין אשה ליידעט פיל יסורים ביז זיא איז מוליד דרום שטייט בלשון נקבה השירה הזאת אבער לעתיד לבוא וועט זיין הוילע שמחה אן יסורים פריער בבחינת זכר אזו וויא דער זכר האט די שמחה פון דאס קינד האבן גאר אן יסורים דרום שטייט בלשון זכר שיר חדש:

אשירה לה' כי גאה גאה איך זינג צו גאט דאס ער איז גרויס אונ גרויס גיווארין. דר מדרש אונ די מפרשים קלערן אויף דעם כופל לשון פון גאה גאה אויך איז נייטיג צו פר שטיין דאס רוב פון די שירה בעצי' זיך אלין וויא גרויס השי"ת איז דר פון גיווארן אונ אין פלוג האט דאכט זיך מער באדארפט גירעט ווערין פון די ישראל וויא גליקליך זיי זיינן דר פון גווארן. נאר דאס איז רעכט מיט א משל. נאך א תנאים איז דער שדכן זייער פרייליך גיווארן אונ ער האט אן גיהויבן צו זינגן אונ טאנצן זאגן די מחותנים וואס איז מיט דיר די שמחה מער פר אונז ענטפערט ער איך וועל אייך זאגן איר ווייסט נאך ניט גיוויס אויב דר שידוך וועט בלייבן שידוך אונ אויב יוא אפילו דר מאנט זיך פיל צרות אונ קאפ דרייענים איר וועט נאך האבן ביז איר וועט אויס פירן די חתונה אבער איך האב מיינע שדכנות שוין מזומנים אין קעסנע על כן איז איצטער די גאנצע שמחה מיינע. דר נמשל איז די ישראל האבן קלאר גיוואוסט דאס די גאולה איז נאך קיין סוף ניט פון די צרות אונ זיי וועלן זיך נאך גינוג ארום וואלגערין אין אנדרע גלותין נאר דר פרסום פון השי"ת דאס איז גבליבן פון וואמאלסט אן אויף אייביג וויא עס שטייט סוף שירה ה' ימלוך לעולם ועד כי בא וגו' כלומר פון די מצרים מפלה וועט שוין באוואוסט ווערין דיא מלוכה פון הקב"ה אונ זיין פארכטיקייט אויף אייביג. אונ דאס זאגן די ישראל אשירה לה' מיר זינגען דר עיקר פון גאטס פר דינסט כי גאה דען וואס ער איז איצט דער פון גרויס גיווארן גאה וועט ער שוין בלייבן גרויס אונ וויא מיט אונז זאל זיך מאכן אבער ער זיינע פאר דינסט כביכול האט ער שוין במזומנים:

מי כמכה באלים ה' דר ילקוט שרייבט מי כמכה ווער איז דיין גלייכן צווישן די וואס אנדרע האלטן זיי פר געטר אונ באמת איז אין זייא קיין ממשות ניט וויא עס שטייט פה להם ולא ידברו וגו' זיי האבן א מויל אונ קענען ניט ריידין אבער הקב"ה האט ארויס גירעט שמור וזכור מיט איין דבור. כבדי צוא פאר שטיין דעם ילקוט מוז מען פריער רעכט מאכן מיט א משל וויא אזו שטייט מי כמכה באלים ה' ווייזט אויס אז זיי זיינן עפים יוא א מין געטר אונ אין אמתין האבין זייא דאך קיין שום ממשות אונ קיין ווערט ניט אויך ווארום שטייט פה להם עינים להם זיי האבן א מויל אונ אויגן זאל נור שטיין זיי קאנען ניט ריידן אונ ניט זעהן. צוויי ליגנר זיינן ארום גיפארן אין צוויי פר שיידענע קאנטן פאר שטעלט אין דעם נאמען פון איינעם א געוויסין גאון מפורסם איינר פון זייא האט נאך גימאכט נאטור דעם גאונס תנועות אונ אלע זיינע צדקות אונ דעם אנדערן איז גיוועזן לייכט צו דר קענען אז ער איז א גרויסר נישט אונ פון דעסט וועגן האט מען זיי ביידן גלייך אומעטום צו גינומען בכבוד גדול אונ גיגעבין גוטע נדבות אז דר גאון האט זיך דר וואוסט פון די מעשה האט ער אזו גיזאגט פון דעם ערשטן ליגנער בין איך צו פרידן דען פון זיין גליק צו ליב מיר פאר שטייא איך וואס פאר א חשוב איך בין אויף דער וועלט אבער פון דעם צווייטן ליגנר האב איך עגמת נפש אונ

האב

האב פר איבל אויף די לייטן וואס זיי מיינגען אויף אזו אקענטיגן טויגעניכץ דאס איך בין דאס. דער נמשל איז אייגענטליך דאס וואס די היידין שעטצן אונ עהרן די געצן ווייל זיי האבן אטעות אין זיי אונ מיינן דאס זיי זיינן אמתע געטר דאס איז אכבוד גדול פר השי"ת אונ מען פר שטייט וויא חשוב אריכטיגר גאט איז נאר די עולה איז וואס זייא מיינען אויף אזעלכע ניכטס ווירדיגע געצן דאס זיי האבן אין זיך געטליכקייט ווען זיי זעהן דאס זייא האבן אמויל אונ אויגן דאס הייסט זיי האבן גלידער וואס דאס איז ניט גימאלט ביי גאט. דאס מיינט דר ילקוט מי כמכה וגו׳ ווער איז דיין גלייכן צווישן די וואס אנדרע האלטן זיי פר געטר כלומר ווייל אנדרע אכטן די פאלשע געצין פר שטייט זיך וויא גרוים דו מוזט זיין אבר די עולה איז ווארום בטראכטן ניט יענע פעלקר אז אין זיי איז קיין ממשות גיטא ווייל פה להם זיי האבן אמויל היינו אברים פון אבעל נוף וואס ביי גאט איז דאס ניט שייך. ווידר אחרון ולא ידברו זייא קענען ניט ריידן אבער הקב"ה לא די וואס ער האט קיין מויל אונ קיין אברים גשמיות ניט האט ער נאך אויף אמאל ארוים גירעט צווייא זאכין:

ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק דער מדרש שרייבט משה האט אזוא גזאגט צו יהושע דיין זיידע יוסף האט גזאגט את האלהים אני ירא איך האב מורא פר גאט אונ ביי דעם עמלק שטייט גישריבין אין פרשת תצא ולא ירא אלהים ער האט קיין מורא ניט גהאט פר גאט דרום פאסט ער זאל גשטראפט ווערן דורך דיין האנט. דא איז אקשיא אונ די איבריגע שבטים זיינן דען חלילה ניט גיוועזן קיין יראי אלהים וויא יוסף אם כן האט דאך גיקענט זיין עמלקס מפלה דורך אביא ווען פון זיי. עס וועט מתורץ ווערן מיט אמשל. עס זיינן גיוועזן צוויי ברידר איינר אקצין דער אנדערר איין ארימאן אונ ווען דר קצין האט פאר זיך גילאזט מאכן אבגד פלעגט ער דעם ברודר אויך מאכן אזו אבגד דאך פלעגט ער גיין זייער אפ גילאזין אונ ניט ריין וויא דער שטייגר פון איין ארימאן. אמאל האט דער ברודר אים דאס אויס גירעט ענטפערט ער אים איין ארימאן מוז גיין ניט פר שפילעוועט די הארץ אפין דיא וועלט וועסטו ניט איבער מאכן. בתוך כך האט זיך מזדמן גיוועזן דאס ביידע זיינן גיוועזן אויף איין חתונה צו זאמן נאך דעם עסן האט זיך דר בדחן פר שטעלט פאר איין ארימאן רופט זיך אפ דער קצין זעהסטו מיין ברודר דעם בדחן ווייסטו דאך וואויל דאס זיין טעאטער שפילט ער עכט וויא נאטור אונ זעה וויא פאר שפילעוועט אונ ריינטליך אלעוזיינע קליידר זיינן איצונד. דאס איז אקלארער בעווייז אז דו דארפסט אויך ניט גיין אזו: אפ גילאזן. דא איז דיא מעשה אזו. אין פלוג איז קשה אפשר מער אז אאיד איז ניט מחויב צו זיין אירא שמים אם כן פר וואס קומט דעם עמלק צו שטראפן ווארום ער איז ניט אירא אלהים. נאר ווייל בעת יוסף האט זיך אנטקעגן די ברידר זיך פרעמד גימאכט אונ זיך פאר שטעלט פאר אמצרי. פון דעסט וועגין האט ער גיזאגט צו זיי את האלהים אני ירא אונ האט קיין מורא ניט גיהאט טאמר דורך די ווערטר וועלן זיי אים דער קענען אז ער איז אאיד. דער פון איז אקלארע ראיה אז אלע אומות מוזן אויך זיין יראי שמים. נמצא פון יוסף איז אראיה דאס עמלקן קומט אפסק׳ דאס מיינט דער מדרש דער איניקל פון דעם דאזיגן וואס ער האט גזאגט את האלהים אני ירא זאל שטראפן דעם וואס ביי אים שטייט גישריבן ולא ירא אלהים כלומר פון יוספס פר שטעלענס איז אראיה אז דעם עמלק קומט איין עונש דרום גייא האלט מלחמה מיט אים:

## הפטרת בשלח

ותשר דבורה וגו׳ שמעו מלכים וגו׳ אנכי לה׳ אנכי אשירה וגו׳. אנכי אדער אני איז דר טייטש איך נור דעם חילוק פר שטייט מען בדרך דמיון. ווען מען פרעגט איין פרעמדין מענטשין ווער ביסטו אזוא ענטפערט ער אני היינו איך בין

איינער

איינער אראויבן פון ווארשא. אבער ווען אבאוואוסטער גאון פר רייזט אין מרחקים וואו מען קען אים ניט פערזעהנליך און דארטן פרעגט מען אים ווער ביסטו פאסט פר אים צו ענטפרן אנכי כלומר איך בין דאס יענר בעוואוסטר גאון עולם׳ דא איז אויך אזוי אברהם אבינו וואס נור ער איז דער גאנגן אין זיין דור מציאת הבורא יתברך דריקט זיך אוים דר מדרש הקב״ה האט צו אים גיזאגט אני הוא בעל הבירה איך בין דר בעל הבית פון פאלעץ דאס הייסט איצונד בין איך ערשט אין דר וועלט בעוואוסט גיווארן אבער אז זיין כבוד איז שוין נתפרסם גיווארן שטייט אנכי מגן לך כלומר איך בין דאס דער מפורסם · דאס גלייכן די מצרים ווייל זייא האבן גאר ניט גיוואוסט פון דעם גרויסן נאמן יהוה דרום שטייט אין דיא סדרה וידעו מצרים כי אני ה׳ אין דעם זין זאגט דבורה הנביאה שמעו מלכים וגו׳ איר אלע מלכים און דוכסים ווען איר זייט מנצח אייערע פיינד זאלט איר וויסן זיין אז דאס איז נאר גאטס הילף דען אנכי לה׳ כלומר חאטשע איך בין דאך אגרויסע מפורסמת דאך ווייס איך גיוויס אז די מלחמה מיט סיסרא האב איך נאר איין גינומען דורך גאטס ישועה אנכי אשירה וגו׳ דרום זאג איך שבחים צו דעם גאט פון ישראל:

ואוהביו כצאת השמש בגבורתו דאס טייטש די ליב האבר פון הקב״ה זיינען גיגליכן אז די זון אין זיין שטארקייט. דר רבינו עזריה פיגו שרייבט אטעם ווארום די רעכטע צדיקים זיינען גיגליכן צוא דיא זון מיט איינע הקדמה פון דעם רבינו שלמה בן אדרת אויף דעם מאמר פון די גמרא וואס זיא זאגט אין בבא בתרא מרגלית טובה היתה תלויה בצוארו של אברהם אבינו ביא אברהם אבינו אויפן האלז איז גיהאנגען אטייערער פערל און ווען אקראנקר האט אויף דעם אקוק גיטאן אזוי איז ער באלד גיזונט גיווארן און נאך זיין טויט האט הקב״ה דאס אויף גיהאנגן אויף דעם גלגל פון די זון. דער פעריל איז גימיינט די גרויסע חכמה און פילוסופיא פון אברהם אבינו וואס ער פלעגט תמיד ארום פארן דרשנן און מפרסם זיין געטליכקייט אין דער וועלט און אפילו וויא ווייט איינער האט זיך גימעגט זיין אכופר און איין אפיקורס חלילה וואס דאס הייסט אחולה גדול אויף דער נשמה. נאר אז ער האט דער הערט זיין אמתע חקירה וואס ווערט ארוים גרעט מיט זיין שיינע זיסע שפראכע דא איז ער גיוועזן אמאמין און אבעל תשובה און איז גיווארין גיזונט און פריש אויף אלע אברים פון נפש און נאך זיין טויט הגם עס איז דאך ניט גיבליבן זיין גלייכן דאך קען מען אליין פאר שטיין די מציאות און די גדלות הבורא יתברך פון דעם גלגל פון דיא זון פון איר גאנג מיט דעם גאנג פון אלע שטערן בוודאי איז דאך דא איינר וואס ער באוועגט זיי אלעמן און דאס איז השי״ת. אזוי וויא ישעיה הנביא האט גיזאגט שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה דאס טייטש הייבט אויף אייערע אויגן צום הימל און בעטראכט ווער האט דאס אלין באשאפן כלומר דאמאלס וועט איר דער גיין אז עס איז פר האנדן אהאר איבר אלעם נאר דר מיטל איז נור פאר די גרויסע חכמים און חוקרים. אבער מיר מיטעלע לייט וואס מיר זיינן שוואכע אזוי ווייט משיג צו זיין מיר מוזן האבן ווער זאל אונז אלעם ערקלערן און דאס זיינן די הייליגע חכמים אין יעדר דור אזוי וויא קהלת זאגט מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש היינו דיא גרעסטע מעלה איז דער מאן וואס בעמיהט זיך צוא באטרעטן די שטעלע פון די זון כלומר ער ברייננגט מיט זיין תורה וחכמה די לייטן צו ידיעת הבורא דאס זאגט אויך די נביאה דבורה אין איר שירה ואוהביו כצאת השמש בגבורתו ווער ווערן גירופן די אמתע ליב האבר פון הקב״ה די צדיקים וועלכע זיינן מפרסם זיינע גבורות און זיין השגחה אין דר וועלט גלייך אז די זון זיי זייגען זוכה צו שכר גאר אן אסוף וויא דניאל זאגט והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים וגו׳:

## פרשת יתרו

וישמע יתרו וגו׳ את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל וגו׳ ויספר משה לחותנו וגו׳ אודות ישראל וגו׳

יתרו האט גיהערט פון אלע נסים וואס גאט ב״ה האט גיטאן צוא משה און ישראל און משה האט אים דר ציילט אלסדינג וואס גאט ב״ה האט גיטאן צו ליב די ישראל גאר דיא מאטערנעס וועלכע זיי האט אין וועג גטראפן און הקב״ה האט זיי מציל גיוועזן. דער עולם פרעגט וואס האט משה באדארפט אים דר ציילן ווען ער האט שוין אפריער פון אלעם

ג'הערט

גיהערט. ווידר ווארום ביי משה'ס ספור איז צו גילייגט דיא ווערטער על אודות ישראל את כל התלאה וגו' (וועגן די ישראל). ווערט דאס פאר ענטפערט מיט אמשל. איינר איז גיקומען צו זיינעם אמחותן אין געסט אריין האט ער גיזעהן ביי אים אין שטוב פיל זילבר גאלד אונ צירונג. ער האט זיך שטארק אויף דאס רייכטהום גיוואונדרט אונ אין הארצן האט ער זיך גאר ניט גיגלויבט אז עס זאל ניט זיין צו זאמען גילייגע וויא דיא מאדע איז. אין אצייט ארום איז ער ווידר גיקומן צו פארן ער קוקט זיך ארום דאס דיא פריערדיגע עשירות איז ניטא אונ זיין מחותן זיצט נעבאך זייער פר קימערט פרעגט ער אים די מעשה ענטפערט יענר וויא זאל איך הויבן אקאפ פר בושה אז מיינע אלע תכשיטים האבין בעלי חובות אוועק גינומן. רופט ער זיך אפ ווען דו וואלסט גיהאט גיוואוסט וואס ביי מיר אין הארצין איז פריער גיוועזן היינו אז דאס איז לכתחלה אלץ גיוועזן פרעמדע וואלסטו זיך דארפן שעמען אבער איצונד ברודער ווייסטו דאך וואול אז דר שטייגר איז היינטיגע צייטן פיל צו פר צעהרן אונ לסוף בלייבט מען אבעל חוב אונ דאס איז שוין קיין שום בזיון ניט אונ מיר איז פיל פריילכר אויפן הארצן ווען איך ווייס איצונד קלאר אז איך האב לכל הפחות אמאל גיהאט אזייכן מחותן. אונ עס איז אלץ גיוועזן דיינע אייגינע והראיה אז פאר דיינע חובות האט מען פון דיר צו גינומן. די ספרים שרייבן אזעלכע טובות וואס מען האט צוא ליב דעם אייגינעם זכות נעמט הקב"ה אוועק ווען מען שולדיגט זיך איין אין חטאים. אבר צו ליב איין אנדערינס זכות בלייבט שוין די גוטעס ווען אפילו דר מענטש איז זינדיג. וויא די גמרא זאגט אין ברכות אז ארשע גייט גוט מסתמא איז ער אבן צדיק ווייל אין אנפאנג האט הקב"ה אים נור גיגעבן צו ליב דעם פאטר אונ דר פאטר איז דאך אצדיק וויא גיוועזן. דא איז אויך אזו. יתרו האט גירעכנט אז די אלע נפלאות וטובות האט הקב"ה נאר גיטאן צוא ליב משה רבינו ע"ה דען ער איז גיוועזן שקול כנגד כל ישראל. אבער באמת איז דיא מעשה ניט אזו. דער מדרש שרייבט הקב"ה האט גיזאגט צוא משה זאלסט וויסין זיין דיין כבוד אונ דיין עליה איז נור איבער מיינע קינדר. אונ דער כלל איז וויכטיגר פר אפרט אפילו וויא גרויס ער מעג זיך זיין. אונ אלע נסים האט הקב"ה גיטאן פון די ישראל וועגן. אקלארער באווייז איז ווייל וויא זייא האבין גיזינדיגט האט הקב"ה זיי גישטראפט דורך דעם רשע עמלק. די רייד מיינן די פסוקים. וישמע יתרו וגו' את כל התלאה אשר עשה אלהים למשה ולישראל היינו יתרו האט גימיינט אז השי"ת האט מציל גיוועזן אידן פון מצרים נאר בזכות משה ויספר משה וגו' על אודות ישראל האט אים משה ערקלערט. ניין אלעס איז נור גישעהן פון די קינדר ישראל וועגן דען את כל התלאה וגו' כלומר ווארום וויא זיי האבן פר קרימט מיט די וואסער זייגען זייא באלד אראפ פון זייער גדולה אונ השי"ת האט אויף זיי אן גישיקט די מלחמה פון עמלק. דאס הייסט דר מלוה האט צו גינומן זייערע תכשיטים פר אמשכון. דר פון איז אראיה דאס פון אנפאנג איז דאס גיוועזן זייערע אייגינע:

ומשה עלה אל האלהים משה איז אויף גנאנגן צו גאט נעמן די תורה. דר מדרש שרייבט די מלאכים האבן גיוואלט משהן מזיק זיין זייא האבין גיטענת וויא קומט אמענטש אשפל וואס ער איז גיבארן פון אאשה צווישן אונז אין הימיל תנה הודך על השמים גיב דיין שיינע תורה בעסער אויף דעם הימיל וואס האט הקב"ה גיטאן ער האט גימאכט משה רבינו זאל אויס ווייזן ווי דאס גישטאלט פון אברהם אבינו אונ האט אזו גיזאגט צוא זייא שטייט איר האט גאר קיין בושה ניט פר דעם וואס איר האט צו אים אראפ גיגידערט פון הימיל אונ ביי אים אין שטוב גיגעסן. די מפרשים ריידן גנוג אויף דעם אונפרשטענדליכן מאמר אונ מיר וועלין אים ערלייכטין מיט אמשל. אמיניסטער וועלכר ער איז גיוועזן אגרויסער

חשוב ביי דעם מלך און אלע עצות און סודות פלעגט ער זיך נור פאר טרויען מיט אים איז ער אמאל געקומען צום מלך אין צימער בעת ער איז געזעסן מיט זיין טייערן בן יחיד און גערעט האט דער פאטער געהייסן דעם פרינץ אפ טרעטן און ער האט זיך פאר שלאסן מיט דעם מיניסטער און גערעט אין ענייני מלוכה ארויס גייענדיג האט זיך דער דאזיגער שר באריהמט דר מיט פאר אלע שרי מלוכה דאס ער איז חשובר בייא דעם מלך אין די אויגן מער פאר דעם בן מלך. די רייד איז אן געקומען צום פרינץ האט ער געהאט דר פון שטארקע שברת הלב ביז ער איז געפערליך קראנק געווארן האבן דקטורים דר קענט זיין רפואה מען זאל פאר אים שפילן לוסטיגע טעאטער שטיק כדי אים ארויס צו ברענגען פון זיין זארג און פרייליך צו מאכן אים ער איז אבער פון קיין זאך ניט נתפעל געווארן ווייל אין זיין לעבין האט ער אזעלכע מיני טעאטער שוין גינוג אן געזעהן און וואס אטאג ווייטער ווערט ער אלץ ערגער האבן די חכמים געגעבן איין עצה דאס מען זאל פאר אים מאכן אזו אמין פרייליכן שפיל וואס ער האט דאס אין זיין לעבין ניט געזעהן היינו יעדר מיניסטר זאל זיך פאר שטעלן אין אבאזונדערן טאג און מאכן זיך נארעשין און שפאסן פאר אים אין די אויגין און ווייל ער וועט זעהען אזו איין זעלטינהייט דאס אזעלכע גרויסע חשובים זאלן זיך מאכין אזו נארעש וועט ער געווים היימליך און לוסטיג ווערין און ער וועט געהיילט ווערין פון זיין קראנקהייט. די עצה איז באלד געשעהן און איטלעכם טאג האט איין אנדער שר געשפילט זיין פאר שטעלענים ביז עס איז אויס געקומען דר גורל פון יענעם גרויסן מיניסטר ניט ווילינדיג האט ער זיך אן גטאן אין אבערעשין פעל און איז אריין און האט גטאנצט און געשפרונגן אנטקעגן דעם בן מלך דא האט ער שוין פאר שטאנען דעם חילוק פון אים ביז דעם פרינץ דען עס איז רעכט בייא דעם קיניג ער זאל ליידן דעם גרעסטין בזיון טאמער וועט דר פון ארויס קומען עפיס ארפואה פאר זיין קינד. דר נמשל איז מלאכי השרת מיט די קינדר ישראל זיי האבין געטענת זיי זיינען די רעכטע חשובים דריבר קומט זייא די תורה האט הקב"ה זיי ערקלערט עס איז ניט וויא זייא מיינען דען אז אברהם אבינו איז קראנק געווען און האט זיך מצער געווען ווארום עס קומען צו אים קיין אורחים ניט איז רעכט געווען ביי הקב"ה אז מלאכים פון הימל זאלן זיך פאר שטעלן פאר מענטשן און קומן בייא אים אין שטוב עסן וואס דאס איז דר גרעסטר בזיון פאר אזעלכע לייטין וואס זיינען הוילע שכל און רוחניות דאס איז אראיה אז די קינדר ישראל שטייען אין אהעכערע מדרגה פון מלאכים. אין דעם זין דריקט זיך אויס דא דער מדרש דאס הקב"ה האט אויס גימאלט משהם געשטאלט וויא אברהמס און האט גיזאגט איר מוזט האבן בושה פאר אים כלומר פון אברהם קענט איר פאר שטיין אז מענטשן זיינען פיל חשובר פאר אייך דרום קומט זיי די היילינע תורה:

ומשה עלה אל האלהים נאך אפשט אין דעם ענין מיט אהקדמה פון מסכת שבת השי"ת האט געהייסן משהן ענטפערן דיא מלאכים אקלארע תשובה אז די תורה איז ניט ראוי פאר זיי האט ער אזו אן געהייבן זאגן אין דער תורה איז געשריבין אנכי יי אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים וגו' לא תרצח לא תנאף לא תגנוב איך בין דיין גאט וואס האט דיך ארויס גינומען פון מצרים דוא זאלסט ניט טאן רציחה ניט טרייבן זנות און ניט גנבען נוא זייט איר דען געוועזן אין מצרים איז ביי אייך דען דא קנאה שנאה יצר הרע און דאס גלייכן. נאר אלץ קשה אויף די מלאכים וואס האט זיך זייא געוואלט די תורה האבן זיי דען פון אנפאנג ניט פאר שטאנען אז זיא איז נור שייך פאר מענטשן בעלי גשמיות און ניט פאר זיי וואס זיינען הוילע רוחניים. דער תירוץ איז מיט דעם משל. אגרויסר רב פון אגרויסע שטאט האט זיך מיישב געווען אויף דר עלטר ער וויל

בעסער אן קומען אין אדערבייאיקע קליין שטעטיל כדי ער זאל זיך קענען זיצין אונ לערנען רוהיג. ער האט גמאכט וועגן דעם איין אסיפה אונ בעלי בתים האבן מסכים גיוועזן ער האט גישריבן צוא יענע שטעטל אבריף אונ די שטעטל האט תיכףומיד ארוים גשיקט פורן מיט הוצאות מיט אמאל גאנץ שטאט זיינען אן גיפאלן אונ האבן צו האקט די רעדר אונ צו שניטן די שפאן גיצייג דאס מען לאזט אים ניט ארוים פארן. האט דר רב גישיקט רופן דיא גרעסטע בעלי בתים אונ האט אן גיהויבן צו טענן מיט זיי וואס ווילט איר איך האב דאך אין אנפאנג ניט גיטאן אן אייער רשות אונ דאס איז נור גישעהן גיווארן מיט אייער הסכמה. ענטפערן זיי איר זאלט וויסן רבי מיר זיינען נור אויסין אייער טובה אונ אייער כבוד כדי צו ווייזן פר די שלוחים וויא טייער איר זייט ביא אונז אום די שטעטל לייט זאלן בהמשך הזמן ניט זאגן מיר האבן איך גילאזן אפ פארן פון דאנען ווייל מיר זיינען גיוועזן אום צוא פרידין פון איך. דיא מעשה איז דא אויך אזו דיא מלאכי השרת האבין ניט פאר שטאנען אז די תורה איז ניט פר זיי נאר ווייל זיי ווייסן די חשיבות ומעלות התורה מיט אסך מער מבינות פר אונז האט זיי פר דראסן פיליכט מיר מענטשן שפלים וועלין מיט דר צייט זאגן אויב דיא תורה איז יוא אזו אגיהייבענע אינטערעס טוא ווארום האבן די אויבערשטע מלאכים גילאזן ארוים נעמען איר פון הימל אונ איר אוועק געבין אויף די נידעריגע וועלט דרום וויא דר שליח משה רבינו ע"ה איז דארטן גיקומען איר אפ נעמען האבן זיך אלע מלאכים גינומען מיט אים שטרייטן אונ גישריען תנה הודך על השמים גיב דיין שיינע תורה אויף דעם הימל דורך דעם מיטל וועלן שוין מענטשן זייער שעטצן די תורה אויף אייביג. אין די כוונה שרייבט אויך דר מדרש רבה אין דברים הקב"ה זאגט צו ישראל איר זאלט ניט מיינן אז די תורה איז ביי מיר גיוועזן גלייך אזו וויא אטאכטר

אבגרת וואס דער פאטר גיט איר אוים נאר פאר וועמען עס מאכט זיך. ניין איר זאלט וויסן דאס מלאכי השרת זיינן אוים גיגאנגען נאך איר אונ זיי האב איך ניט גיגעבן נאר אייך דרום זאלט איר וויסן ווי איר צו האלטן:

ועתה אם שמוע תשמעו וגו׳ והייתם לי סגלה מכל העמים כי לי כל הארץ השי"ת זאגט אויב איר וועט איצטער האָרכין אונ היטין מיין תורה וועט איר ביי מיר זיין גיליבטר מער פון אלע פעלקר דען צו מיר גיהערט די גאנצע וועלט. דיא מפרשים שטעלן זיך אויף דעם אוים דרוק פון ועתה (איצטער) אויך כי לי כל הארץ דען צו מיר גיהערט דיא גאנצע וועלט איז כמעט איבעריג דען אז ער איז דאך דר בורא ית׳ בוודאי איז אלין זיינע. עס וועט אבר רעכט ווערן מיט אמשל. אגאון איז גיקומען דרוקן אספר איז אין וואס פאר אכסניא ער האט גיוואלט אריין פארן האט מען אים אלין גזאגט אפריער עס איז קיין ארט דא גיטא וויא די מאדע פון די בעלי אכסניות דאס זיי זיינען ניט צו פרידין פון אזעלכע ארימע אורחים ביז עס האט זיך גיפונען אבעל הבית אנדיב לב אונ האט אים אן גינומען בכבוד גדול אונ גיהאלטן אים ביי זיך די גאנצע צייט פון די הדפסה לסוף אז די וועלט האט דער זעהן דעם ספר האט מען צו האפט אונ דר גאון האט קונה שם גיוועזן אונ איז דר פון גיווארין איין עושר גדול אמאל איז ער ווייטר גקומען איז די זעלביגע שטאט וויא נור מען האט אים דר זעהן אויף דעם וואגנזאל האט מען אים פון פיל האטעלין אויך פון כמה בעלי בתים אן גיהויבן בעטן ער זאל צו זיי אריין פארן האט ער גיזאגט בעת איך האב גיוואלט האט איר ניט גיוואלט איצט וויל איך ניט איך מוז איין שטיין ביא דעם זעלבינן בעל הבית וועלכר ער האט מיר צו גינומען צו זיך אין דיא צייט וואס איך בין נאך גיוועזן איין ארעמר גר פרעמד אונ עלינד קיינער האט מיר ניט גיקענט אונ ניט גיוואלט קענן. דר נמשל איז הקב"ה האט זיך ארום גיטראגיי

מיט זיין ספר (די תורה הקדושה) צוא אלע פר צייטיגע אומות אונ קיינר האט ניט אן גינומען נאר אידן וויא עס איז גישריבן דר פון אין גמרא ומדרשים באריכות אבר לימות המשיח אז די וועלט וועט דער קענען דיא חשיבות פון הקב'ה מיט די תורה אזו וויא עס שטייט אין מסכת עבודת כוכבים זייא וועלין שוין בעטין דיא תורה אונ וועלן ניט אויס פירן. דרום האט גיזאגט הקב'ה בשעת מתן תורה צו די ישראל ועתה אם שמוע וגו' אויב איצטר וויא קיינער וויל מיר ניט קענן וועט איר מיר מיט מיין ספר אריין נעמן צו זיך אין אכסניא דר פר והייתם לי סגלה וגו' כי לי כל הארץ וועט איר ביי מיר זיין אגיליבטר אוצר אפילו אין די צייט וואס צו מיר וועט גיהערן דיא גאנצע וועלט דאס איז גימיינט לעתיד לבוא אז אלע וועלן דער קענען דעם בורא יחיד ומיוחד וועט אויך זיין די אכסניא זיינע נור ביא דאס פאלק ישראל:

ועתה אם שמוע וגו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש אלה וגו' תדבר אל בני ישראל כדי די פסוקים גרונטיג צו ערקלערן וועלן מיר פריער ברייננן אמשל. איינר האט איין גיארדינט פר אזון אמחיה פון אלערליי משקאות ומעדני מלך מכל המינים שבעולם אונ האט אים אזו אן גיזאגט דו דארפסט וויסן די אלע זאכן איז נאר פאר זוללים וסובאים אויך איין ארימאן אדר אגוטין פריינד זאלסטו אויך דער פון אמאל מתנה זיין דען מען מוז זיך זעהן צו איידלן אונ זיין אמענטש מיט מענטשן אבר דו אליין לעב מיט אתכלית נאר וואס מען מוז דאס זאלסטו גיברוכין אבער ניט מער דאמאלס וועסטו קענן ציען פון דעם האנדל חיותאבר אויב דו וועסט וועלן חלילה נאך טאן די אלע פרעסר אונ זויפר דאן וועסטו גיך פר צערן דיין קאפיטאל· אונ בלייבן ביי גאר נישט. דר נמשל איז דר צדיק איז מיט זיין זכות משפיע אהשפעה אויף דר וועלט אונ דורך זיינע מעשים טובים האט די וועלט כל טוב אבר ער נופא איז זיך מסתפק מיט נאר וואס וויא דר בת קול האט גיזאגט אין תענית די גאנצע וועלט ווערן גשפייזט בזכות מיין זון חנינא בן דוסא אונ ער אליין באנוגנט זיך פון פרייטיג ביז פרייטיג מיט אטאפ באקסארן. די רייד האט אן גיזאגט הקב'ה צו מתן תורה והייתם לי סגלה מכל העמים כי לי כל הארץ איר זאלט זיין דר אוצר אונ די משפיעים פון אלע פעלקער איר זאלט טאן אלעמען גוטעס אונ ממלא זיין איטליכנס באדערפינגעס ווייל צוא מיר גיהערט די לאנד אונ איך דער פיל דעם רצון פון אלע מיינע ברואים דרום זאלט איר אויך גיין אין מיינע וועגין אונ זיך אויך זעהן צו מיהן פר אלעמן גוטעס צו טאן יהיה מי שיהיה אונ ממלא זיין איטלעכנס באדערפנעס אבר ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש איר אליין זאלט זיין נור מיינע דינער עובדי השם אונ זיין אפ גישייט פון אלע תאות אונ עניני עולם הזה קדוש הייסט דער וואס איז אפ גישייט פון אלע תאות אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל דאס זאלסטו זאגן דיא הויכע מדרגה פון אידן דאס הייסט די צדיקים וועלכע ווערן אן גרופן מיט דעם נאמן ישראל:

זכור את יום השבת לקדשו ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת וגו' גידיינק צו הייליגן דעם שבת זעקס טעג זאלסטו ארבעטן אונ טאן אלע דיינע ארבעט אונ דעם זיבעטן טאג זאלסטו האלטן שבת פון נאטם וועגן. שיקט זיך ניט איז דען אמצוה צו ארבעטין דיא גאנצע וואך אזו וויא די תורה שרייבט ששת ימים תעבוד זעקס טעג זאלכטו ארבעטן. נאר די מעשה איז אזו דיא תורה לערינט אונז דאמיט דאס נור דר אמתר בעל בטחון ער קען האלטן שבת וויא דר דין איז. אונ דעם וואס פעלט בטחון היט ער שבת אויך ניט וויא גיהעריג איז. דען אבעל בטחון גלויבט אז פרנסה האט ער נור פון דיא האנט פון השי"ת אונ אז השי"ת זאל וועלן קען ער אים צוא שיקן גאר ניט טוענדיג אויך נאר ער ארבעט ווייל אזו איז דר פר זאג פון הקב'ה. וויא עס שטייט אין פרשה ראה למען יברכך ::

וגו' בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה גאט ווערט דיר בענטשין אין דאס וואס דו וועסט טאן. ביא אזו אמאן איז דר ארבעט אגאנצע עבודה אונ אמשא. אונ ער דר לעבט קוים דעם טאג שבת וואס הקב"ה האט גיהייסן רוען. אבער דעם וואס פעלט בטחון אונ ער מיינט אז ער טוט אויף נאר מיט זיין חכמה אונ זיין כח אונ ווען ער טוט ניט ווערט ער ניט האבן קיין פרנסה ביא אזעלכין איז דער טאג שבת אזאר אונ ער טראכט אלין וועגן עסק אונ ער פאר געסט גאר ווען הקב"ה קען אים געבן לעבן גיוויס גיט נאר ער אליין פרנסה צום לעבן אויך. אויף אים ווירד גיזאגט דר פסוק אין תהלים הַשְׁלֵךְ עַל יְיָ יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ דאש טייטש ווארף ארויף אויף גאט דיין לאסט אונ ער ווערט דיר טראגין אונ שפייזין. דער פסוק ווערט ערקלערט מיט אמשל. איין סוחר האט באגעגינט אין וועג איין ארימאן מיט אפעקל האט ער אים ארויף גינומען אויף זיין פור. פארענדיג דער זעהט ער דאס דער ארימאן האלט נאך דעם פעקל אויף זיינע פלייצעס פרעגט ער אים ווארום דארפט איר נאך האלטין אויף זיך אמשא אומזיסט בעסער לייגט עס אוועק אין וואגן. ענטפערט ער ניט גינוג וואס איר פיהרט מיך זאלט איר נאך פיהרן מיין פעקיל אויך. האט דר סוחר אן גיהויבן צו לאכן אונ האט גיזאגט. שוטה אונ איצט פיהר איך דען ניט אייך מיט דעם פעקל צוא זאמען ליגט דען ניט די משא אויך פון אייער פעקל אויף מיין וואגן. אזו איז דער מענטש וואס זיין גאנצער לעבין אונ מיזונד ליגט אויף השי"ת אונ ער מיינט דעם פעקל פון פרנסה צו שלעפן נאר אויף זיינע פלייצעס אונ ער פאר שטייט ניט דאס די משא פון פעקל ליגט אויך נאר אויף השי"ת אונ ער מיט זיינע פלייצעס העלפט אים גאר ניט גרינגר צו מאכן די משא. דרום זאגט דער פסוק הַשְׁלֵךְ עַל יְיָ יְהָבְךָ ווארף ארויף אויף גאט דיין משא פון פרנסה ווארום דארפסטו נאך טראגן די זארג אויף זיך עס ליגט זא וויא זא די משא אויף אים דער מענטש דארף מער ניט טאן כדי צו פאר דינען זיין פרנסה דורך אדרך הטבע וויא עס שטייט בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה גאט ווערט דיר בענטשן אין וואס דו וועסט טאן. דאס הייסט אמענטש מוז טאן אום נאר עס זאל זיין איין ארט וואו גאטס ברכה זאל חל זיין ער זאל ניט דארפן לעבין דורך נסים אבער ער מוז וויסן דאס זיינע פלייצעס העלפן אים דר צו גאר ניט. דאס נאר גאטס ווילן אליין טראגט זיין גאנצע משא פון פרנסה אזו וויא ער טראגט אים אליין. דרום זאגט די תורה שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבוֹד ווען דו וועסט אין די זעקס וואכעדיגע טעג טאן דיין ארבעט נאר פון מצוה וועגן דאס הייסט נאר ווייל הקב"ה האט גיהייסן זוכן צו פר דינען בדרך הטבע (אזו וויא עס שטייט בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה) אבער באמת ביסטו אגרויסער בעל בטחון דאמאלס וועסטו ריכטיג מקיים זיין וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבּוֹת וועסטו דעם זיבעטן טאג גאנץ רוהיג רוהען (אזו וויא עס איז פריער ערקלערט) אונ דיר ווערט ניט קימערין וועגין פרנסה אין דעם טאג דען דוא ווייסט דאס הקב"ה קען געבין ניט ארבעטינדיג אויך:

## הפטרת יתרו

קדוש וגו' מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ דיא מפרשים פרעגן עס דארף שטיין כְּבוֹדוֹ מְלֹא כָל הָאָרֶץ דער תירוץ איז דער מדרש זאגט אבשר ודם ווערט אפריער דר מאנט זיין נאמען וואס דאס ווייזט אויף זיין עצם מהות אונ נאכהער זיין טיטול אונ שבח למשל מען זאגט ראובן איז איין חכם שמעון איז איין גרויסר שרייבר אבער ביי הקב"ה פריער איז גישריבן זיין טיטול בְּרֵאשִׁית בָּרָא דאס ער האט באשאפין אזו אוועלט אונ דער נאך שטייט זיין נאמען אֱלֹהִים דר טעם איז ווייל דעם עצם מהות אלהות איז אונמעגליך משיג צוא זיין אונ די ביסל השגה אין דעם בורא יתברך איז נור מצד זיינע פעולות וועלכע מיר זעהען אין דר וועלט אזו וויא דר נביא ישעיה זאגט שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה וגו' מיט די הקדמה מאכט רעכט דער גרויסער גאון מהר"ל מפראג אונזער פסוק אזו מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ דיא גאנצע

בריאה וואס איז פול די וועלט נור זיא אליין איז מפרסם דעם כבוד פון השי"ת :

ואשמע את קול ה' אומר את מי אשלח ומי ילך לנו ואומר הנני שלחני ישעיה דר ציילט איך האב געהערט גאט ב"ה זאגט ווען זאל איך שיקן אונ ווער וועט גיין פאר אונז האב איך זיך אפ גירופין איך בין אן גיברייט שיק מיר . עס איז נייטיג צו בעטראכטן ווארום אין אנפאנג רעט הקב"ה פר זיך את מי אשלח (בלשון יחיד) ווען זאל איך שיקן אונ תיכף נאר אנדערש ומי ילך לנו אונ ווער זאל גיין פאר אונז (בלשון רבים) אויך ווארום ענטפערט ער הנני שלחני אונ ניט הנני אלך נאר די מעשה איז אזו למשל אגימיינר מענטש האט קיין דינר אתקיפר בעל הבית האלט אמשרת איין שר אבער האט שוין כמה דינר וואס פאר איין ארבעט אזו אדינר . דר מלך מלכי המלכים הקב"ה ער האט בוודאי גינוג משרתים צו יעדר זאך וויא עס פאסט וויא די חכמים זאגן מגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב אגוטע זאך קומט דורך אגוטן מענטשן אונ ארעה דורך אשלעכטן מענטשן דער אר"י הקדוש ז"ל שרייבט השי"ת האט פר לאנגט שלוחים צו צווייערליי שליחות סיי פון נחמה סיי פון פורעניות . אונ דר חילוק איז דאס נחמה אונ טובות טוט אפ הקב"ה אליין אבער פורעניות בעראטעט ער זיך אפריער מיט זיין פמליא של מעלה . ווידער אטובה וויל הקב"ה אז דר נביא זאל זאגן אין זיין נאמן אז ער שיקט אים אונ דר נביא איז זיין שליח אבער ניט בייא פורעניות אונ רעות . אז דר מדרש קהלת שרייבט . קהלת עמוס אונ ירמיה . ווייל זייערע נבואה באשטייט על פי רוב אוים הארטע רייד אונ פורעניות דרום ווערין גירופין זייערע ספרים אין אן הייב אויף זייערע אייגענע נעמן למשל דברי קהלת דברי עמוס דברי ירמיהו דאס טייטש קהלת רייד אונ ניט דברי ה' גאטס רייד . דאס זאגט השי"ת את מי אשלח ווען זאל איך אליין שיקן אונ יענר זאל ווערן אן גירופן מיינר אשליח דאס הייסט צוא טובות ומי ילך לנו אונ ווער זאל גלאט גיין אונ ניט ווערין גירופין מיין שליח אונ פר אונז היינו פאר פמליא של מעלה אויך דאס איז גימיינט אמשולח צו רעות ופורעניות . האט ישעיה זיך אפ גירופן הנני שלחני איך וויל זיין בייא דיר אשליח כלומר נור אויף ישועות ונחמות זאגט הקב"ה צו אים לך ואמרת וגו' גיי זיי מתרה

די ישראל אויף פורעניות אזו וויא עס שטייט ווייטר שמעו שמוע וגו' עד אשר אם שאו ערים וגו' ווייל איך מיין דאמיט נור זייער טובה :

## פרשת משפטים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם דער מדרש שרייבט הדא הוא דכתיב דאס איז גימיינט וואס דוד המלך ע"ה האט גיזאגט אין תהלים ועוז מלך משפט אהב אתה כוננת מישרים דער מלך מלכי המלכים ליבט משפט דרום האט ער איבער גיגעבן די תורה צו ישראל אונ בייא זיי איין גיארדנט יושר דען צו ליב דעם ווערט ביי זיי מחלוקת דאן קומן זיי צום משפט אונ מאכן שלום . דא איז אהארבע קשיא ווען די תורה איז אגרם צו מחלוקת אם כן וואלט דאך אסך גלייכר גיוועזן דאס אין תחלת זאל זיא בעסר חלילה ניט גיגעבן ווערן צו ישראל דאן וועט קיין מחלוקת ניט זיין אונ מען וועט פר שפארן דעם שלום . דער תירוץ איז ווען מען זאל בעטראכטן דעם נאטור פון לייטן זעהט מען וואס דר מענטש איז מער איידעלר האט ער אלץ מער געפיל אין דעם צווייטן . אונ דאס קלענסטע אונרעכט וואס ער טוט אנטקעגין אמענטשן זעהט אים אוים פיר דעם גרעסטן חטא . אונ דאס איז די כוונה פון דעם מדרש . ווייל דיא תורה איז גיבויט אויף הויכע יושר דרום איז דאס מינדעסטע עולה גיווען גירעכנט ביי ישראל פר דעם גרעסטן חטא . אונ באלד גיווארן דר פון אפראצעס אונ אמשפט אונ דר פון איז ארוים גיוואקסן שלום . כלומר פון די תורה האבן זייא זיך גילערנט דעם ריינעם יושר אום ניט צו בערירן דעם צווייטן אויף אהאר . נאך אפשט ואלה המשפטים דער מדרש זאגט עס שטייט אין תהלים עשיתי משפט וצדק בל תניחני לעושקי דאס הייסט דיא ישראל זאגין רבש"ע מיר ווילן טאן צדקה ומשפט נאר מיר האבן מורא מען זאל אונז ניט בארויבן . דרום נעם זיך דו אן אונ לאז אונז ניט בארויבין . איז קשה וויא אזו ווערט מען גירויבט דורך ערליכקייט . אויך איז קשה ווארום שטייט

אין מדרש צדקה פריער פר משפט פר קערט וויא אין פסוק. דאס וועט מען פר שטיין מיט אמשל. צוויי גרויסע סוחרים וועלכע האבין אצייט יארין צו זאמן ארענטליך גיהאנדילט זייגן זיי פון איין אום גליק גיווארן יורדים. אזו ווייט דאס זיי האבין גימוזט ארוים גיין אויף דר וועלט בעטין נדבות. די אהבה איז ביי זיי אזו גרויס גיוועזן דאס ווען זיי האבין וואס באקומען צום עסין האט איינער ניט גיגעסין אן דעם אנדערין. אמאל האט מען זיי ביידין באשטעלט שבת ביי איינעם אקארגין גביר. וויא ער האט דר זעהן זייערע צאנקעריי צווישן אנאנד דאס איטליכער שטופט דאס עסין צום חבר האט ער צו גיחאפט די שיסל צו זיך און פר זיי ביידין גאר ניט גילאזין. פון דאמאלסט אן האבין זיי שוין אויף גיהערט זיך מכבד צו זיין. אין דעם ארט דער ציילט דר מדרש אין ויקרא און די גמרא אין תמיד. אלכסנדר מוקדון איז אמאל גיקומען צו איין אפריקאנישין קיסר. זעהט ער וויא צוויא זיינען גיקומען אויף אמשפט. איינער האט גיקויפט איין אלטע חורבה און האט דעריין גיפונען איין אוצר געלט. טענת ער אדוני קיסר איך האב נור גיקויפט די חורבה אבער ניט קיין אוצר. און דר פאר קויפר שרייט ניין איך האב דיר אלעם פר קויפט וואס נאר עס קען דארטין געבין און קיין גזילה וויל איך ניט. רופט זיך אפ דער קיסר צו דעם ערשטין דו האסט אזון. ענטפערט ער יוא. פרעגט ער דעם אנדערין און דו האסט אפשר אטאכטער. ענטפערט ער יוא. זאגט ער אויב אזו טוט צווישן זיך איין שידוך דאדורך וועלין ממה נפשך אייערע ביידיגם קינדער דעם דאזיגין אוצר פר ניטצין. האט זיך אלכסנדר זייער פאר וואונדערט. פרעגט דער קיסר וואס וואונדערסטו זיך אזו פיליכט האב איך ניט רעכט גימשפט. און וויא וואלסטו דען אין דיין לאנד גיפסקנת. ענטפערט ער ביא אונז וואלט מען זיי ביידין די קעפ ארונטער גענעמען און דעם גרויסן פר מעגנס וואלט גיהאט אן גיקומען אין אוצר המלך. נמצא ביא אזו אגעשיכטע ברייננט דיא צדקה דאס הייסט די ערליכקייט צום משפט. היינו איטליכער פון זיי איז גיקומען צום משפטן זיך כדי זיך צו פר היטן פון איין עולה צו טאן זיין חבר. אבער וויא דער סדר עולם איז וויל אדרבה יעדערר פון צווייטן געלט גיווינן. און דער משפט ברייננט צוא צדקה כלומר דער דין זאגט דעם דין און נייט מען זאל ניט טאן קיין עולה און זיין ערליך. אין דעם זין האבן זיך גיקלאגט די פרומע אידן אין די פאריגע צייטן רבש"ע אנו מבקשים לעשות צדקה ומשפט כלומר דו ווייסט דאך קלאר דאס אונזר זיין משפטן זיך איז נור ווייל מיר זוכן ערליכקייט כדי ניט נכשל צו ווערן חלילה אין אחשש גזילה פון אפרעמדע פרוטה און דרום קומט ארויס דאס איטליכער טענת גאר פאר דעם חברס טובה אבר מיר האבין מורא פיליכט וועט דר בעל הבית צו חאפן די שיסל פון ביידין אזו ווי דר פסק פון אלכסנדר מוקדון. דרום זיינען מיר גיצוואונגן צו טאן אפריער משפט און נאכהער צדק. דאס איז גימיינט איטליכר פון די בעלי דינים מוז כלומרסט שרייען פר דעם ריכטר עס גיהערט צו מיר. און דר פסק זאל ארויס קומען דאס עס איז יענעמס. דאמיט איז רעכט ווארום אין פסוק איז גישריבין משפט וצדק היינו גאר לפני פר דעם ריכטער. אבר באמת אנו מבקשים לעשות צדקה ומשפט וויא דער לשון פון דעם מדרש:

ואלה המשפטים דר מדרש זאגט עס שטייט ואלה (מיט אואו עס בעטייט און) ווייל דאס איז אהוספה אויף דיא דינים וועלכע זיינען גיגעבן גיווארן אין מרה וויא עס שטייט אין בשלח שם שם לו חק ומשפט עס איז אמשל צוא אהארענטע גייט און פיל חיל מיט כלי זיין גייען אפריער און הינטר איר אזו די קבלת התורה איז גישריבן אין יתרו. און פר יתרו אויך נאך יתרו שטייען דינים דיא כוונת המדרש פאר שטייט זיך מיט אקורצן משל. איינר איז גיגאנגן דורכן גאס מיט אשרעקליכע

נאך ארום און ארום אים. רופט זיך אפ איין
מענטש צו זיין חבר זעה אט פירט מען אגזלן
זאגט דר חבר ניין ער איז אגרויסר לייט און
די זעלנר גייען מיט פון זיין כבוד וועגן ווארום
ווען מען וואלט מיינען אים צו היטן ער זאל
ניט אנטלויפן און טאן שלעכטס טוא ווארום
וואלט מען דארפן פר אזו אשוואכן און איין
איידעלן מאן וויא ער זעט אויס אזו אשמירה.
די מעשה איז מיר אידן דארפן וויסן אז דיא
תורה הקדושה איז ניט גלייך צוא אנדערע
געזעצע וועלכע זיינען נאר געמאכט געווארין
לטובת המדינה כדי נאר צו פאר היטן דאס
איינר זאל ניט ווערן קיין נגזל פון דעם אנדערן
דען איר תכלית איז אויך דעם גזלן צו פאר
היטן ער זאל זיך ניט פאר דארבן פון ביידע
וועלטן וויא דער נביא זאגט אין חבקוק הוי
בוצע בצע רע לביתו ווייל דר רויבר טוט שלעכטעס
זיין איינגעם נפש און דאס איז ידוע דאס דר
עיקר המצות איז די מחשבה טובה און איין
תשוקה צו די מצוה אזו טייטשט דר רמב"ם
אין שמונה פרקים דעם פסוק פון משלי נפש
רשע אותה רע דער נפש וועלכער אים ווילט זיך
טאן ביז אפילו ער טוט ניט דאך הייסט ער
רשע און די תשוקה קען נור זיין ביא דעם
וואס ער פר שטייט די תורה מיט דעם שכל
אבער ווען מען טוט אמצוה וויא אחק אן
אשום טעם קען ניט זיין מיט אזו אפלייסיקייט
דארטן שטייט שם שם לו חק ומשפט היינו מען
האט זיא געזאגט מצות וויא אחק נאר אן
אשום טעם דרום זאגט הקב"ה דא ואלה המשפטים
אשר תשים לפניהם וויא רש"י מאכט דו זאלסט
זיי איצטר ריכטיג פאר לייגן אלע דינים מיט
פאר שטאנד וויא מען גרייט אטיש אלעם
פארטיג דר פון איז אקלארע ראיה דאס די
תורה הקדושה איז נוגע צוא דיא הצלחת
הנשמה און פיל געהויבענר פון אנדרע חוקי
המדינת ווארום אז ניט צו וואס שטייט נאך
קבלת התורה ואלה המשפטים וגו' און וואס
מאכט מיר אוים צו מען טוט מיטן שכל ורצון
אדער ניט נאר מען איז מקיים. דיא כוונה
לערינט אונז אונזר מדרש משל למטרוניתא וכו'
אדוכסה וואס מיט איר גייען חיל פון אלע
זייטן געווים איז לכבודה און פון איר טובה
וועגן ווען ניט טוא וואס דארף מען צו איר
אזו אשטארקע שמירה דאס גלייכן איז נאך
דעם צוא געלייגט ואלה המשפטים כלומר טעמי
המצות ווייל די מצות איז ניט נאר צו פאר
היטן דעם חבר פון בייז גייערט אויב פון
איינגע טובה וועגן דען דורך די תורה ווערט
די נשמה געלייטערט און געריינגט און מען
איז זוכה צוא דעם תענוג העליון וואס איז
באהאלטן פאר צדיקים לעתיד לבוא אמן:

וכי ימכור איש את בתו לאמה לא תצא כצאת העבדים
דר מדרש שרייבט בת אחת היתה לי ומכרתיה לכם
שאין אתם מוצאים אותה אלא חבושה בארון הקב"ה
זאגט איך האב אייך פר קויפט מיין איינציגע
טאכטר אבר איר קענט איר ניט גרינג באקומן
זיא איז בעהאלטן אין קאסטן. דעם פשט פון
דעם הארבן מאמר פאר שטייט זיך מיט דיא
רייד פון די חוקרים דאס די פעולות פון הקב"ה
זיינען אנדערש וויא פון אבשר ודם למשל אז
אקינסטלער מאכט פארטיג אמאשינע טוט
זיא שוין פון זיך אליין תמיד איר פעולה.
אבער מיר מוזין תמיד באקומען הילף און
פרישע חיות פון הקב"ה און ווען חו ער
וואלט אפ טאן זיין השגחה איין רגע קערט
זיך תיכף אום די וועלט לתהו ובהו וויא מיר
זאגין ואתה מחיה את כלם שטענדיג ביסטו אליין
מחיה און די נשמה אין דעם עולם איז זיא
נאר בדמיון זריעה דאס די ערד האט קיין
כח ניט ארוים צו געבן פיל תבואה און פרוכט
גייערט פון די ווייניג קערנר. אזו אויך דורך
די נשמה הקדושה קען מען מושך זיין פיל
השפעה און הייליגע חיות פון אויבן דאס
גלייכן איז דיא תורה הקדושה ווען מען איז
זיך משתדל נוט צו פר שטיין דעם פשט פון
איר וואס דאס איז געגעבן געווארן אויף דר
ערד דענסטמאל קען מען איצט דר גיין די
סודות וועלכע זיינען נאך פר בארגן אין הימל
אזו וויא דיא גמרא זאגט אין שבת בשעת

משה רבינו איז אראפ פון הימיל מיט דיא תורה איז דר שטן ארום גינאנגן פרעגן וואו הין איז זיא אהין גיקומען האט מען אים גיענטפערט אלהים הבין דרכה נאר גאט וייס וואו זיא איז היינו דא איז נור גיגעבן גיווארן דר חלק פשט ונגלה. אבר דר עיקר חלק הנסתר איז גיבליבן ביי השי"ת אין הימל. דאס מיינט דר מדרש בת אחת כו' חבושה בארון מיין תורה די בת יחידה גייט ניט ארויס וויא אלע קענעכט דאס הייסט אלע חכמות דאס וויא מען פר שטייט זיי פשוט איז שוין גינוג נייערט זיא ליגט פאר בארגן אין קאסטן פון פשט אונ דר וואס לייגט צו גינוג קרעפטן יענער קען באקומען דעם שליסל פון די רמזים וסודות התורה וועלכע זייא ליגן פר בארגן אין די עולמות העליונים:

אם כסף תלוה את עמי את העני עמך לא תהיה לו כנשה לא תשימון עליו נשך דאס טייטש אויב דוא וועסט פר לייען געלט מיין פאלקדעם ארימאן מיט דיר זאלסטו צו אים ניט זיין וויא אמאנר איר זאלט אויף אים ניט טאן קיין רווחים די ווערטער את העני עמך זיינען איבעריג בפרט איז טאן אגמילות חסד צו איין עושר איז אמצוות אזו גוט וויא צו איין עני. אויך דר כ"ף הדמיון פון כנשה (וויא אמאנר) האט קיין פירוש ניט: אבר דאס וועט פאר ענטפערט ווערן בדרך פשוט אזו. דער בעל גמילות חסדים הייסט דאס דער ארימאן איז מיט אים כלומר אין די צייט וואס ער שטארעט זיך צו פר דינען פר זיך איז גוט פר דעם ארימאן אויך. אבר דער מלוה ברבית איז פאר קערט ער איז מיט דעם ארימאן היינו בשעת דער ארעמר לוה נעבאך האנדלט מאטערט ער זיך דער הויפט פר דעם מלוה אים אפ צו צאלן זיינע פראצענט אונ ווייל יעדר מינוט וואקסט צו די פראצענט ציטערט דר לוה פר דעם וועקסל אונ האטשע מען מאנט אים ניט איז שוין גליך וויא ער מאנט אים. דאס זאגט דיא תורה אם כסף וגו' אז דו פר לייסט געלט זאל דר ארימאן זיין מיט דיר היינו זאלסט טאן גמילות חסדים אונ ניט נעמן ביי אים רווחים דען דאמאלס וועז אפילו דו וועסט ניט מאנן ביי אים וועט אויך גיגליכן זיין אזו גוט וויא דו וואלסט מאנן ווייל יעדר רגע וועז נור ער דר מאנט זיך וועגן דיין חוב ניט אים אשטאך אין הארצן. דר מדרש זאגט לא תהיה לו כנשה וויא שלמה המלך ע"ה זאגט אין משלי מלוה יי' חונן דל וגמולו ישלם לו דר וואס לייט זעליגט איין עני הייסט ער דער מלוה פון הקב"ה כביכול אונ ער וועט אים באצאלן. די כוונה פון דעם מאמר ווערט מפורש מיט אמשל. איינר איז גיקומען מאכן אהלוואה זאגט דער מלוה איך וועל דיר לייען נאר באופן אז דוא וועסט ברייגגן ערבות האט יענר גיבראכט צוויא מענטשן איינר איין עשיר גדול אונ אגרויסר בטוח אונ דר אנדערר איין אביון אונ ביידע האבן ערב גיוועזן פר אים וויא עס איז גיקומען דיא צייט איז דער מלוה תיכף גיקומען מאנן צום עשיר אונ האט אים ניט גילאזט רוען ער זאל אים באצאלן דעם חוב פר דעם לוה אבער פון דעם ארימען ערב פלעגט ער זיך פר קערט באהאלטן כדי דר רייכר ערב זאל ניט דר זעהן אז ער האנדלט מיט אים וועגן ה"ב דאן וועט ער זיך אפ שאקלן אונ וועט אים מדחה זיין צו יענעם ערב דעם עני דא וועט ער בלייבן ניט באצאלט פון ביידין דער נמשל איז די תורה הקדושה גיט איין עצה דעם מלוה לא תהיה לו כנשה כלומר דוא זאלסט זיך מאכן גלייך וויא דו קענסט נאר ניט דעם ארעמן לוה דאן וועט דיר דר רייכר בטוח הקב"ה פר אים באצאלן היינו ער וועט דיר צוא שיקן אויף זיין מזל אויך ווייל ער ווערט אן גירופן דר ערב אונ דיין לוה כביכול וויא עס שטייט מלוה יי' וגו' אבר וועז דו וועסט נוגש זיין דעם ארימען לוה דאמאלס וועט דיר דער עשיר גדול השי"ת דיין חוב ניט צאלין אונ וועסט בלייבן ניט באצאלט דרום זאלסטו זיך בעסער פאר לאזין אויף דיין ערב הקב"ה:

ויקחו לי תרומה דער מדרש הייבט דא אן צוא דרשנען למה נתנה פרשת תרומה אחר משפטים וארום שטייט תרומה נאך משפטים ווייל עס איז געשריבן אין תהלים עשיתי משפט וצדק. כדי צו פר שטיין די כוונה פון דעם מדרש מוזין מיר פריער ערקלערין נאך אמאמר פון מדרש בראשית אויף דעם פסוק פון משלי כי ה' יהיה בכסלך אם נתת מכיסך צדקה וגו' איז טייטש אויב דו האסט גיגעבן צדקה פון דיין קעסנע וועט הקב"ה דיר היטן (בכסלך מאכט כסים שלך מיט דיין קעסינע) דר ווארט מכיסך איז אייגנטליך איבריג גינוג עס זאל שטיין אם נתת צדקה וגו' אויך וועלן מיר דא דר מאנן וואס דר מדרש דער ציילט. בשעת די אומות העולם האבן דר זעהן דאס די ישראל האבין אויף גיבויט דעם בית המקדש האבן זיי זיך מתקנא גווען אונ האבן צו זאמען גיקליבן אסך גאלד אונ האבן אויך גיוואלט בויען אזו איין בהמ"ק. אונ ווייל דאס איז ניט גיוועזן מיט דעם רצון פון השי"ת האט זיך דער פון גאר נישט אויס גילאזן. אונ די קנאה אונ שנאה איז ביי זיי אין הארצן גיבליבן פר בארגן ביז חורבן בית המקדש אזו וויא דר פסוק זאגט אין תהלים כי קנאת ביתך אכלתני נוא אלץ קשה ווארום האבן די אומות הקדמונים ניט זוכה גיוועזן צו דיא מצוה פון בנין בית המקדש אונ פאר וואס האט אדרבה השי"ת זיי ניט גהאלפן דאס זיי זאלן די גוטע מחשבה אויס פירן. אזו וויא דיא חכמים זאגין הבא לטהר מסייעין אותו. דאס אלעם וועט ווערן פאר ענטפערט מיט אמשל. אגביר האט גיהאלטן ביי זיך אין שטוב איין וויכטיגן מלמד. איז גיוועזן זיין שטייגר אויסער לערנען וואס גיהעריג איז פלעגט ער אויך גוט מדריך זיין די קינדער אונ לערנען זייא הלכות דרך ארץ. אמאל אין די צייט ווען ער האט פאר גיטראגין פאר זיינע תלמידים וועגין שמאט וואס גיהערט צום עסין. איז גראד אביין גיגאנגען אאינגל וואס ער איז גיוועזן אמפורסם פיר צוא לאזן אונ ווילד אין גאנץ שטאט. ער גייט צוא צום טיש אונ הארכט

זיך איין די גוטע רייד. האבן דיא קינדר אן גיהויבין פון אים צו לאכין אונ זאגן אזו צוא אים. האט דען דיין מוטר ווען זי ייט גיהאט צו דער לאנגען אחלק דו האפסט ראך תמיד ארויס פון טאפ אפריער. האט דען אבעטר ווען פאספייעט דיר צו בעטין אויף אשמחה ווען דו רפינסט זיך שוין אומעטום אפריער. וכדומה אזעלכע גראבקייט. דרום וואס קען דיר נוצן די איידלע למודיות וואס דער רבי לערינט אונז אין הלכות סעודה. דער נמשל איז אזו. עס איז ידוע דאס צדקה געבן אויך נאר צו אדבר שבקדושה למשל בויען אשול אקלויז מוז זיין דווקא פון ריינע פר הארוועטע געלט. אבער געלט פון עולות ניט גינוג עס איז קיין שום מצוה ניט נאר אדרבה זיין נדבה אליין איז אין בית דין של מעלה מקטרג אויף אים. אזו וויא עס שטייט אין ישעיה אני ה' שנא גזל בעולה הקב"ה זאגט אויב אין דעם קרבן עולה וואס מען ברייגט פר מיר גיפינט זיך עטוואס אחשש גזילה ווער איך יענעם דאפיר נאך מער שונא. אויך זאגט דוד המלך ע"ה ובוצע ברך נאץ ה' איז טייטש דר רויבר ווען ער לויבט גאט דער צארינט ער איבר דאמיט. דריבר שטייט דאס רוב צדקה נאך משפט למשל משפט וצדקה ביעקב אתה עשית. עשיתי משפט וצדק אויך ישעיה הנביא זאגט שמרו משפט ועשו צדקה. צו ווייזן אז פריער זאל מען זיין ערליך אין געלט זאכין בין אדם לחבירו. אונ טאן אלץ וויא דר משפט אונ דר דין נאכהער מיט אזעלכע געלט קען מען טאן צדקה דרום דיא פאר צייטיגע געצן דינר וואס זייער גאנצער לעבן איז באשטאנען אין הוילע גזילה רציחה אז זיי האבן זיך מתקנא גיוועזן אויף די הצלחה פון דיא ישראל אונ האבן פון אזעלכין בלוטיגע געלט גיוואלט בויען פר הקב"ה אין בהמ"ק כדי די שכינה זאל דורך דעם ביי זייא אויך רוען אזו גוט וויא צווישן אידן האט הקב"ה ניט גיוואלט ליידן. דען וויא קען דר גאר אן הויבן ביי זיי זיין אונ לערנען זיי דרך ארץ וויא זייא זאלן זיצין ביא דעם טיש מיט שמאט

ווען זיי האבן שוין די פלייש פון טאפ אפריער ארויס גיכאפט כלומר ווען לכתחלה צום ערשטן ווילן זיי שוין נעמן בויען פר אים איין בית המקדש פון הוילע גזילה וואס דאס אליין איז דר עיקר קטרוג. דאס איז דר פשט פון לשון המדרש אם נתת מכיסך צדקה וגו' אויב דו גיסט צדקה פון דיין אייגענע קעסענע היינו ערליכע געלט דאן קען דאס דיר העלפן. אבר דר בעטריגר ווען ער גיט צדקה הייסט דאס ער איז אבעל צדקה אויף אפרעמדע קעסינע דא איז ער אדרבה דאמיט פר זיך אליין גורם מער רעה. אונ צו ליב דעם האט הקב"ה פריער גילערינט אידין דיא פרשת משפטים. ווייל אין איר איז באשריבן דיא דינים וויא שטרייג מען מוז זיך היטין פון אפרעמדן גראשן אונ דר נאך פרשת תרומה וואס דארטן שטייט ווענין דיא נדבות צום משכן. אזו וויא דר פסוק זאגט עשיתי משפט וצדק ווען מען האט ערליכע געלט על פי דין ומשפט דענסט מאל קען מען טאן צדקה אונ געבן נדבות אויף אדבר מצוה וויא דר לשון פון מדרש וועלכין מיר האבין מיט אים אן גיפאנגן למה נתנה פרשת תרומה אחר משפטים הדא הוא דכתיב עשיתי משפט וצדק דאס טייטש ווארום איז גינעבן גיווארן דיא סדרה תרומה נאך דיא סדרה משפטים דאס איז איבר דעם זעלביגן טעם וואס שטייט פריער גישריבן אין פסוק דרווארט משפט אונ נאכהער צדק:

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם דער מדרש שרייבט אין שמות אויף דעם פסוק מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה אם מתכנסין וכו' הקב"ה זאגט ווען די רשעים וועלן זיך פר זאמלן כדי מבטל צו זיין מיין אהבה צו די ישראל וועלן זיי נאר נישט אויס פירן אונ ווען אפילו זיי וועלן אוועק געבן פר די תורה אונ פון מיינט וועגן דעם גאנצן פר מעגנם וועט מען זייא פאר אכטין אבל בני עשו לי מקדש של יריעות וירדתי ושכנתי בתוכם איז טייטש אבר מיינע קינדר אז זייא האבן פאר מיר נאר גמאכט אמקדש פון פארהאנגען בין איך תיכף אראפ גינידערט

אונ גירועט צווישן זיי. מיר ווילין ניט מאריך זיין בשאלות ווייל עס איז פאר שטענדליך פון ווייטר. למשל אין אגיוויסע שטאט איז גיווען ארב אגרויסר נגיד דאך האט ער זיך גיפירט מיט אלע מנהגים וויא אגיוואוינליכר רב. פורים איז גיווען דר מנהג דאס אלע בעלי בתים פלעגן אים שיקן משלוח מנות אונ דר נאך פלעגן זיי אלע צו זאמן קומן ביי אים צו דר סעודה צווישן זיי האט זיך גיפונען איינר אבעריממטער קמצן אונ איין רע עין וואס ער האט גשיקט דעם רב איינציגע רענדליך פורים געלט אונ דאהער איז ער אויך גיקומן בכ"ך הבאים ממילא אלע געסט האט דער רב אן גינומן בסבר פנים יפות זייער פריינדליך אונ וויא דר קמצן איז אריין גיגאנגען האט ער אים אפ גירופן אן אזייט אונ אים צוריק אפ געגעבן זיינע פורים געלט זאגט דר קארגער צום רב איך פר שטייא אפילו גאנץ גוט מיין חסרון אונ פר וואס איר ווילט ניט נהנה זיין פון אזו איין רע עין וויא איך בין אבער וואס האט דאס צו אייך וואס ביי מיר אין הארצין איז אבי מיינער ארענדיל גייט אויך אין גוטין קראנט אזו גוט וויא פון אלע נכבדי העיר וועלכע זייא שיקין מיט דעם גאנצן הארצן ענטפערט דער רב איך וועל אייך זאגן די מעשה איז אזו דר עיקר כוונה מיינע וואס איך נעם צו פון שטאט משלוח מנות אפילו אבי וואס איז מער ניט ווייל איך ווייס קלאר אז זיי זיינן מיר אוהבים נאמנים אונ דריבר בעשמים איך אליידיגע צייט אין יאר מיט זייא זיך משמח צו זיין אונ אפ פרישין דיא פאר בארגענע ליבשאפט. אבר דו אין דיין גאנצין לעבין ווייסטו גאר ניט וואס הייסט מענטשין הילף אונ פריינדשאפט נאר ווייל דו שעמסט זיך פר די וועלט שיקסטו מיר די מתנה אונ מיינסט דאמיט מיר צוא העלפן צו פר שטייסטו דען ניט אז איך בין ביידר פר דיר אונ דיינע געלט נוצט מיר גאר ניט. דר נמשל איז די רשעים וואס ליגן מער ניט אין תאות העולם אונ האבן קיין גיפיל אין

נעט ליכקייט

געטליכקייט ניט אונ לעתיד לבוא וועלן זיי דער זעהן דעם כבוד פון צדיקים דא וועלן זייא זיך שעמן אויף די מעשים רעים וואס זיי האבן ביז יעצט גטאן אונ וועלן זיך אויך חאפן געבין געלט צו מצות דרום ועט זייא הקב״ה זאגן שוטים איר מיינט אז איך דארף אייערע געלט לי הכסף ולי הזהב דער הויפט איז ביי מיר די גוטע הארץ אונ די אהבת השם באמת והראיה ביי מיינע קינדר וואס דינען מיר באהבה ובאמת האב איך גירועט אין משכן וואס ער איז נור גיוועזן גימאכט פון פארהאנגן אונ אז די מעלה פעלט איך טוא וואס נוטצט מיך אייערע געלט אזו וויא די חכמים ז״ל זאגין רחמנא לבא בעי השי״ת דארף נור די גוט הארץ אונ ניט קיין געלט :

## הפטרת תרומה

ויהי דבר יי אל שלמה לאמר הבית הזה אשר אתה בונה אם תלך בחקותי וגו׳ ושכנתי בתוך בני ישראל ולא אעזוב את עמי ישראל גאט ב״ה זאגט צוא שלמה המלך די דאזיגע הויז וואס דו בויסט אב דו וועסט גיין אין מיינע גיזעצלעטין וועל איך רוען אין די קינדער ישראל אונ וועל ניט פאר לאזן מיין פאלק ישראל . איז קשה הקב״ה הייבט אן וועגן בית המקדש באדארף דאך שטיין איך וועל רוען אין אים אונ עס שטייט גאר אין די קינדר ישראל אגב איז נייטיג צו פר שטיין וויא עס איז ידוע דער גרונד לאגע פון אונזער ריינע אמונה דאס השי״ת איז קיין גוף אונ ווידער ניט באגרענעצט אין איין ארט נייערט מלא כל הארץ כבודו אם כן וויא הייסט דאס בויען פר אים איין וואוינונג אונ געבין אים קרבנות בהמות פון פלייש אונ בלוט . פון דיזע פליאות וועט אבר קיין פליאה בלייבן ווען מיר וועלן זיך דער צו בעניצן מיט אדמיון צו נאך אנדערע פליאה . דר ילקוט שרייבט אין תהלים מען האט גפרעגט בייא די תורה איין עצה פר אבעל עבירה האט זיא גיענטפערט ער זאל ברייגן אקרבן וועט דאס אויף אים מכפר זיין אונ מען האט גיפרעגט ביי הקב״ה האט ער געהייסן תשובה טאן איז אקשיא דער זוהר הקדוש שרייבט קוב״ה ואורייתא כלו חד דאס טייטש הקב״ה מיט דר תורה איז אלץ איין זאך דען וואס נור אין איר שטייט גישריבן איז אלעס פון הקב״ה נון וויא שיקט זיך צוא זאגין דאס די תורה האט אנדרש גיזאגט וויא הקב״ה. למשל ארוכם האט צו גישיקט זיין באפעל צוא זיינע קנעכט אונ ווייל עס איז גיוועזן גישריבין מיט קורצע ווארטן וויא דר שטייגר פון אזעלכע גרויסע לייטן צו ריידן בקיצור דאהער האט דר אזו גיזאגט אונ יענר גאר אנדרש ביז מען האט צוא גישיקט צו אים אן פרעגין האט ער גיזאגט גאר אנייע כוונה אונ אז זיי האבן גוט בטראכט דאן האבן זיי ערשט פר שטאנען וויא וויכטיג עס לאזט זיך לייענן נאך זיין ערקלערונג נאך . דר נמשל איז דאס עס איז ידוע דאס דער עיקר ביי הקב״ה איז די מחשבה טהורה פון אנצוה מער אז די מעשה המצוה גופא אז הקב״ה זאגט אין די סדרה ויקחו לי תרומה וגו׳ אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי וגו׳ ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם ביאור מיין תרומה הייסט נאר דאס וואס זיי ווילין געבן נדבות ברצון הטוב אונ דאפיר וועל איך רוען אין זייער הארצין אונ נור דאס הייסט מיין מקדש ניט דעם עצם גאלד אונ זילבער וואס זיי ברייגן נדבות צום משכן דרום שטייט בתוכם (אין זיי) אונ ניט בתוכו (אין אים) אי דעם זיגן האט ירמיהו הנביא גישטראפט זיין דור וואס זייא האבן גימיינט אז דער עיקר איז דר בית המקדש גופא אונ ווייטער קען מען טאן וואס מען וויל זאגט ער נין היטיבו דרכיכם וגו׳ אל תבטחו לכם על דברי השקר לאמר היכל יי היכל יי היכל יי המה דאס איז גמיינט אזו . מיינט ניט אז דער בית המקדש דאס איז גאטס בית המקדש נייערט די ישראל ווען זיי זיינען פרום דאן הייסן זייא זעלבסט אבית המקדש דאס גלייכן ניט הקב״ה פאר לאנגט דעם קרבן פון דעם חוטא נייערט די מחשבה טובה דהיינו ווען ער שטעלט זיך בעת מעשה פאר אז ער אליין איז ראוי פאר ברענט צו ווערן אויף דעם מזבח אבר זיינע עבירות גלייך אז דר אקם אדר דר שעפס אונ דורך דעם איז ער מהרהר בתשובה . דאס איז דער מיין פון ילקוט הקב״ה האט ערקלערט דעם תכלית פון זיין באפעל אין דר תורה דאס מען זאל ברייגן אקרבן איז נור גימיינט תשובה אונ אקרבן אן תשובה איז גלייך אז איינער איז זיך טובל האלטנדיג אשרץ אין האנט . וויא ישעיה הנביא זאגט אין נאמען

קרבנות למה לי רוב זבחיכם יאמר ײ אויך שטייט אין
שמואל א' הנה שמוע מזבח טוב . איצונד ווערן מיר
זיך קערין צו אונזער הפטרה השי"ת זאגט צוא
שלמה הבית הזה וגו' ושכנתי וגו' כלומר ניט מיין
דאס די האלץ אונ די שטיינר גאלד זילבער אונ
אלע מאטריאלען הייסט מיין מקום קדוש ניין
נייערט אויב דו וועסט גיין אין אלע מיינע געזעצע
אונ אלעם טאן מיטין גאנצין הארצין אונ מיט
אריינע מחשבה דאס הייסט דר אייביגר בנין
מיינר דאמאלסט וועל איך קענען רוען אין דיא
הערצר פון די קינדר ישראל גופא אונ דאן ווען
אפילו דער גיטויערטר בית המקדש וועט חרוב
ווערן וועל איך זייא אויך ניט פר לאזין אונ אלע
צייטין וועט מיין שכינה בייא זייא רוהען :

## פרשת תצוה

ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך
תגי' להעלות נר תמיד דאס טייטש די ישראל זאלן
געבין קלארע בוים אייל צום נר תמיד . דער
ילקוט שרייבט אויף דעם פסוק הדא הוא דכתיב
דאס איז וואס איז גישריבן אין שיר השירים
הנך יפה רעיתי הנך יפה דו ביסט שיין מיט דיינע
מעשים אויך ביסטו שיין מיט די מעשים פון
דיינע עלטערן עיניך יונים דו האסט טויבן אויגן
דאס איז גימיינט די סנהדרין דען אזו גוט
וויא דער גוף גייט נאך די אויגן אזו גייען די
ישראל נאך זייערע סנהדרין אויב זיי זאגן די
זאך איז טמא בלייבט ביי זיי טמא אונ טהור
בלייבט טהור . כדי צו פר שטיין דעם מדרש
פליאה וואס פר אסמיכות האט הנך יפה וגו' צו
די ווערטער שמן זית זך וועלין מיר מקדים זיין
איינע ווערטער פון דעם געטליכן פילוסוף
רבי יצחק ערמא דר בעל עקידה ער זאגט אזו
די תורה הקדושה איז איין גיטיילט אין צוויי
טייל שכל אונ קבלה דער חלק הפשוט אונ
נגלה הייסט אפ דר עיקר מען זאל פר שטיין
מיט דעם שכל וויא צו פאר גלייכין אדין צו
אדין ביז מען דר נייט דעם אמת אבר בתנאי
מען זאל ניט מיינן קיין שום איינע פניה אונ
קיין איינגענומניץ אונ ווען מען האט פריער
עפים ארצון עס זאל זיין טריף אדער כשר
חייב אדר פטור כדי יענעם רב למשל איבער
שפארין אונ ווייזין דאס מען איז מער למדן
פר אים אדר מחמת אהבה צו אבעל דין דאן
פר פירט דר רצון דעם שכל אין פאלשן וועג
אונ דר דין קען שוין ניט זיין ריכטיג אמת .
דר חלק הקבלה אבר דאס הייסט די סודות
התורה וואס דר תלמיד האט בקבלה פון זיין
רבי ביז משה רבינו אין אזעלכע ענינים מוז
מען היטין נור וויא מען האט בקבלה ווארט
אין ווארט אונ מען טאר זיך שוין גאר נישט
פר לאזין אויף דעם איינינעם שכל אונ וואס
דר חכם איז גרעסר אונ דאך היט ער אלין נור
וואס דר רבי האט אים איבר גיגעבן האט ער
דר פר אלין מער שכר וויא למשל פון אגרויסן
סוחר זיינן גיזעסן צוויי משולחים אין לייפציג
איינר א באריםטר מבין אין דר וועלט אונ דר
אנדערר א גיוויינליכר קאמיסער . אמאל אז
זייא זיינען גיקומען אויף יום טוב אהיים אונ
ביידע צו זאמן זיינן גיקומן גוט יום טוב ביטן
צום גביר האט ער דעם ערשטין אן גינומען
זייער פריינדליך אונ אים גידאנקט פר וואס
ער פלעגט אים תמיד אפ שיקן סחורה
אקוראט וועדליג זיינע אויסטיכער וואס ער
פלעגט אים שרייבין פון דער היים אן אשום
שינוי אונ דעם צווייטן משולח האט ער ניט
אזו פריינדליך צו גנומן אונ גאר ניט גדאנקט.
נאטירליך האט ער שטארק פר איבל גיהאט
אונ זאגט צוא זיין סוחר אונ איך האב דען
חלילה ווען משנה גיווען פון אייער שרייבין
ביז מיין שיקן אויף אהאר . ענטפערט דער
סוחר איך וועל דיר זאגין אויף דיר איז מיר
קיין חדוש ניט אבר יענר וואס זיין חכמה אונ
גיניטקייט אין דיא ארטיקולין וועלכע מיר
פאדרט איז קיין שיעור אונ פון דעסט וועגן
האט ער אלין גיהיט מיין שרייבין אונ זיין
שארפן שכל האט ער אוועק גילייגט אן אזייט
דער פון איז ארויס צו קוקן וויא טייער מייער
אנווארט איז בייא אים אונ וויא ווייט ער איז
מיר טרייא אונ דאריבר איז ער ווערט מיין
דאנק . דר מיט איז צו פר שטין דאס אויף
דעם פסוק ויעש נח ככל אשר צוהו ײ דאס גליכין

ויעש

נגש אהרן וגו׳ זאגט דער מדרש אונ רש״י דער פסוק זאגט אונז דעם שבח פון זיי דאס זייא האבן ניט משנה גוועזן פון אלעם וואס הקב״ה האט זייא אן גיזאגט. אויך דרשנן די חכמים אדם ובהמה תושיע יי דאס זיינן די לייטן מיט איין טיפן פר שטאנד אונ מאכן זיך פאר בהמות כלומר זיי זיינן מקיים וויא עס שטייט גישריבן חאטשע נאך זייער דעה נאך וואלט דאך אפשר זיין אנדערש. איצונד לאמיר זיך קערן צו דעם ילקוט וואס מיר האבן אן גיהייבן. די גמרא זאגט אין מסכת ברכות דר וואס זעהט אין חלום איין איילבר בוים זאל ער האפן צו די קלארע ליכטיגקייט פון דר תורה היינו די פר בארגענע סודות וועלכע מען ווייס זייא ניט על פי קבלה אונ ניט על פי שכל. דרום טייטשט דר ילקוט בדרך רמז ויקחו אליך שמן זית וגו׳ כדי אן צו צינדן די שטענדיגע ליכט. דאס הייסט כדי צו לערנען די הייליגע סודות פון דער תורה דארף מען נעמן ריינעם בוים אייל כלומר קלארע רייד וויא זייא זיינען איבער גיגעבן גיווארן פון נאטום מויל אונ ניט זאגן אין דעם אייגענע סברות וויא עס שטייט גישריבן הנך יפה רעיתי דוא ביסט שיין מיין פריינדין היינו מיין אומה מיט דיינע אייגענע מעשים כלומר חאטשע דיין חכמה איז זייער גרויס וויא מיר גיפינן רבי מאיר האט גיזאגט איך האב בכח צוא בעווייזן מיט הונדערט טעמים דאס אשרץ איז טהור דאך ביסטו שיין מיט די מעשים פון דיינע עלטערן דאס איז גימיינט דיא אומה הקדושה איז זייער פרום אונ קיין חכם קיין גדול הדור לייגט ניט צו אונ נעמט ניט אראפ פון דאס וואס זייא האבן בקבלה פון די אלטע חכמים אין דיא פאריגע דורות ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך וגו׳ דר מדרש שרייבט אויף דאס זאגט דר פסוק לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי דאס טייטש ווען ניט דיא תורה וואלט גיוועזן מיין פרייד דאן וואלט איך אויס גיין פון עלענד דען אז הקב״ה האט גיזאגט צו משה ואתה הקרב וגו׳ נעם דיין ברודר אהרן פר אכהן גדול האט דאס משהן

שטארק פר דראסן האט השי״ת צו אים גיזאגט תורה שלי היתה ונתתיה לך די תורה איז דאך גוועזן מיינע האב איך איר אוועק גיגעבן צו דיר. דר מאמר איז אפלא דען וואס פר א פר דייסט איז פאר משהן דיא תורה ווען ער וויל זיין אכהן גדול דאס ווערט רעכט מיט א משל. א רב האט גיהאלטן פר זיינע קינדר א מלמד אין שטוב מיט דר צייט איז בייא אים אונטער גיוואקסן א קינד וואס ער האט בעדארפט אן הייבן לערנען אלף בי״ת האט ער פאר דאס קינד גינומן א באהעלפר האט דר מלמד פר איבל גיהאט אונ זאגט צום רב אזו ווען איך קען לערנען מיט אייערע עלטערע קינדר וועלכע זייא האלטן שוין ב״ה ווייט א פשיטא אז איך וואלט טרעפן ווי צו לערנען מיט דעם קליינעם קינד ענטפערט אים דר רב וואס פרעגט איר בייא מיר ניט א בעסערע קשיא וואס בעדארף איך גאר האלטן א מלמד צו דען קען איך אליין ניט לערנען מיט זייא אלעמן אלא דר טעם איז ווייל איך בין פר זיי צו גרויס אונ זיי וועלן ניט משיג זיין מיין גוט לערנען נוא מחמת דעם זעלביגן טעם האב איך איצונד אוועק גיגעבן דעם אינגסטין קינד צו א באהעלפר אונ ניט צו אייך. דר נמשל איז השי״ת אונ משה. די חכמים ז״ל זאגין אין מדרש קהלת יפתח בדורו כשמואל בדורו. יפתח איז גיוועזן א חשוב אין זיין צייט גלייך וויא שמואל הנביא אין זיין צייט ווייל אז שמואל וואלט גיוועזן אין יפתחס דור וואלט ער פר זייא גאר גישט גינוצט כלומר ווייל נאך דר ערך פון יענעם דור איז שמואל הנביא גיוועזן צו גרויס פר זיי בדמיון א לאנגן בגד אויף א נידעריגן מענטשין דער כלל איז אזו גוט ווען דר פרנס הדור איז צו קליין נאך דעם ערך פון זיין דור פאסט ער גיט פר זייא וויא א קינדערשן בגד פר איין דר ווא קסענעם מענטשן אזו אויך פר קערט פאסט ניט ווען זיין מדרגה איז זייער פיל העכער פון דיא מדרגות פון המון ווייל זייא דארפן זיך נור לערנען פון זייער מנהיג אונ ווען ער שטייט אסך העכר פון זייא במעלת קדושה עליונה

טוא מיט וואס פאר איין אופן קענן זיי זיך פאר גלייכן צוא אים אונ טאן וואס ער טוט דרום נאך דעם חטא העגל האט השי"ת גיזאגט צו משה לך רד וגו' טייטשט דר מדרש אין פרשה תשא איצונד וויא אידין זיינען בשפל המצב טוא נידר אראפ פון דיין גרויסע מדרגה ווען ניט קענסטו שוין פאר זייא ניט מער זיין דער מנהיג הדור דאס גלייכין משה אין זיין מדרגה איז גיוועזן צוא גרויס פאר איין כהן גדול אונ דרום איז אהרן גיווארן אכהן גדול אזו וויא מיר גיפינן בשעת מתן תורה האבן די ישראל גיזאגט צו משה דבר אתה וגו' רייד דו מיט אונז דאן וועלן מיר פר שטיין אבר ניט גאט אליין פיליכט וועלן מיר שטארבן היינו ווייל אונזר מדרגה אונ אונזער מחשבה איז צו קליין צו לערנן פון הקב"ה זעלבסט דאס איז די כוונה פון אונזר מדרש בשעת השי"ת האט גיזאגט אהרן זאל זיין דער כהן גדול האט דאס משהן פארדראסין ווייל ער האט גימיינט ער איז צו קליין האט השי"ת אים מנחם גיוועזן אונ זאגט ניין דאס איז נור ווייל דו ביסט אדרבה צוא גרויס אונ אראיה דאס מען קען ניט זיין אמשפיע אונ אמלמד צו דעם וואס איז פיל נידעריגר זעהע די תורה איז דאך מיינע גוועזן פון דעסט וועגן האב איך אליין מיט אידן ניט גילערינט נייערט איך האב איבר גיגעבין צו דיר אז דו זאלסט מיט זיי לערנן וויא ער האט דר מאנט די תורה איז משה פריליכר גיווארן אויף דאס זאגט דר פסוק לולי תורתך שעשועי אז וגו' משה האט גיזאגט ווען הקב"ה וואלט מיר ניט דער פרייט מיט די ראיה פון דער תורה וואלט איך מיינען אז דאס איז נור ווייל מיין מדרגה איז צו ארום אונ שפל פון צו ווערין אכהן גדול :

ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת ואתה תדבר אל כל חכמי לב וגו' לקדשו לכהנו לי דאס טייטש דוא זאלסט מאכין הייליגע קליידר פר דיין ברודר אהרן פון כבוד אונ שיינקייט וועגן אונ די קינסטלר זאלסטו זאגן דאס זיי זאלן מאכן די קליידער כדי אים צוא הייליגן ער זאל זיין אכהן פר מיר. די מפרשים פרעגן אהארבע קשיא ווארום האט השי"ת גיהייסן אז משה זאל זאגן פר די בעלי מלאכות דאס די בגדים ווערן גימאכט לקדשו לכהנו לי נאר אנדרש וויא ער האט פר אים זעלבסט גזאגט לכבוד ולתפארת. דר תירוץ איז פשוט. די חוקרים טיילן איין אלע מעשים פון דער וועלט אין צווייא טייל צרב זים אונ פרגיניגען וויא אלע תענוגי עולם הזה אויך טו"יל נוטציג חאטשע אין דריין איז קיין תענוג ניטא למשל פראסט ארבעטן אונ אפט גיפינט זיך ביידע אין איינעם צום ביישפיל די שווערע יגיעה אויף איין דבר חכמה דאס גלייכין מצות. אטייל פון זייא זיינען נור נוטציג לעולם הבא אונ קיין תענוג ניט אדרבה עס איז שווער מקיים צו זיין דהיינו דר פאסטין אום יום כפור אויך העלפן הייבן דעם חברים אמשא צדקה געבן אויך איז דא מצות וועלכע עס האלטין אין זיך איין ביידערלייא למשל די מצוה פון עונג שבת ויום טוב מען לעבט אגוטין טאג אונ עס איז נוטציג פר די נשמה אויך אונ דאס פר שטייט זיך אז פאסטין אונ כדומה אמצוה פון הוילע נוטצין איז גרינגר מקיים צו זיין לשם שמים איידר אזו אמצוה וואס דר גוף איז אויך וואס נהנה אונ עסענדיג דיא גוטע מאכלים פאר געסט מען נאר בשעת מעשה דיא מצוה פון עונג שבת אונ וויא געווינליך עסט מען נור ווייל עס איז געשמאק אן אשום מחשבה קדושה אונ מען זאל עסן געריכטן אונ מקבל תענוג זיין נור פון גאטס וועגין דאס קען נור בעווייזין איין צדיק גמור פון איין גיהייבענע דרגא וועלכר ער לעבט ניט פון דיא וועלט וועגין נייערט דער עיקר איז ביי אים יענע הייליגע וועלט אונ ווען אפילו ער זאל עסין מעדני מלכים אדר האבן דעם גרעסטן כבוד אונ שבח פון זיין תורה ועבודת השם מיינט ער ניט פראסט די אכילה הגשמיות אונ כבוד נור די רוחניות המצוה ווייל הקב"ה האט אזו גיהייסן טאן. אין דעם אופן איז גיוועזן דיא כהונה גדולה די דאזיגע מצוה איז גיוועזן פר

בונדן מיט גרויס עהרע אונ פראכט דען וויא
איין מלך איבער לאנד גשעפטין אזו איז ער
גיוועזן דער גרעסטר איבר די היילגע ענינים
פון בית המקדש אויך די קליידונג זיינע איז
גיוועזן די רייכשטע אונ די שענסטע אין דר
וועלט פון הוילע גאלד אונ בורלאנטין דאך
האט אהרן ניט גמיינט חלילה קיין כבוד אונ
אזוא אויך משה רבינו האט בוודאי קיין
הרגשה גיהאט אין ברודרס כבוד אונ ביידנס
מחשבה איז נור גיוועזן כדי מקיים זיין דאמיט
דעם רצון הבורא יתברך ווייל אלע תאוות
העולם זיינן ביי זיי גאר ניט גיוועזן אז דר חסיד
דוד המלך ע"ה האט גיזאגט ולבי חלל בקרבי דיא
תאוות פון מיין הארצן זיינען דער שלאגן אין
מיר נאר ווייל מיר גידריגע מענטשן וואס מיר
זיינן אריין גלאזן אין הבלי העולם אונ שטעלן
זיך גאר ניסט פאר וויא אזו דאס איז גאר
מעגליך דאריבער זאגט השי"ת צו משה ועשית
בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת דיא מצוה פון
דיא בגדי כהונה איז פאר בונדין מיט כבוד
ותפארת דאס הייסט ערב אונ מועיל אונ ווייל
איר וועט דאך גיוויס ניט מיינען זיך נור כדי
מתקן צוא זיין מיט דעם כבוד ותפארת דיא
קדושה עליונה דרום וועט דר שכר זיין זייער
גרויס אונ דאפיל אבר די חכמי לב די ארבעטר
פון די בגדים ווייל ביא זיי וועט דאס געווים
זיין אונגלויבליך בפרט זייא זיינען דאך ניט
מער אז בעלי מלאכות אונ קענען אייך חושד
זיין דאס איר מיינט טאקע נור פראסט דעם
עיקר כבוד דרום פר זיי זאלסטו ניט דר מאנן
לכבוד ולתפארת נאר זאגין לקדשו לכהנו לי דאס
הייסט דיא בגדים זיינען נור גימאכט גיווארין
אויף הוילע קדושה. השי"ת זאל אונז העלפן
אים צו דינן מיט דעם גאנצן הארצן בכלל די
אמתע צדיקים בזכות זה ובא לציון גואל אמן:

דאס רוב פאלט פרשת זכור צו סדר תצוה דרום איז די
הפטרה גישטעלט אויף פרשת זכור אום סוף ספר:

# פרשת תשא

ויֹדבר וגו' כי תשא וגו' כופר נפשו וגו' ולא יהיה
בהם נגף וגו' היינו מען זאל ניט ציילן די קינדר
ישראל כדי עס זאל חלילה קיין מגפה גישעהן
נור מען האט גיציילט די האלבע טאלר וואס
איטליכר בעזונדער האט גיגעבן. ערסטינס
עס איז נייטיג צו פאר שטיין מיט זיין שכל
ווארום דאס ציילן איז גיפערליך. צווייטינס
דארף מען פאר שטיין וואס דער בעל מדרש
שמואל פרעגט אויף די משנה כל ישראל יש להם
חלק לעולם הבא וכו' וואס איז דער אונטער שייד
פון איין עובד השם אצדיק גמור ביז איין
פראסטן מענטשן נאר דר נאמן איד איז שוין
אפארטיגר בן עולם הבא וויא אזו פארט זאל
זיך וועמן וועלן משתדל זיין אין תורה ומצות
ווען די חכמים ז"ל האבין אלעמען צו גיזאגט
גינוג עולם הבא גאר אן אשום יגיעה וויא עס
ווייזט אוים פון דעם לשון כל ישראל וגו'. דריטענס
מידארף וויסן פשט אין דעם אונפרש גדליכן
מדרש אויף דעם פסוק כי תשא וגו' הקב"ה האט
גיזאגט צו משה רבינו ע"ה זאג דיא ישראל
זייא זאלן מיר בעצאלן דאס וואס זייא האבן
ביי מיר גיליען וויא עס שטייט כי תשר ברעך וגו'
דאס טייטש אויב דוא וועסט ביא זיין חבר
מאנן אונ איך וועל זיי אויך אמאל בעצאלין
אזו וויא עס איז גישריבן אין הושע והיה מספר
בני ישראל כחול הים וגו' והיה במקום וגו' לעתיד לבא
וועט זיין דר צאל פון די קינדר ישראל וויא
דיא זאמד פון ים אונ אין דעם דאזיגן ארט
וואס עס איז צו זיי גיזאגט גיווארן איר זייט
ניט מיין פאלק וועט צו זיי גיזאגט ווערן איר
זייט קינדר פון לעבעדיגן גאט דאס איין וועט
רעכט ווערן מיט אמשל ודמיון. איינר האט
צו זאמן גיחאפט קלעצער אויף באנג ביא
דעם אשאק ביא יענעם אהאלב שאק אונ
האט זיך אוים גיבויט אטייערע הויז די בעלי
חובות פלעגן ארום גיין ארום די שטוב פר
קלעמטערהייט אונ האבן זיך גאר ניט גקענט
העלפן ווארום איז דען מעגליך דאס איטליכר
באזונדר זאל גיין ברעכן אזו אשיינעם בנין
צו ליב זיינע עטליכע קלעצער. אמאל איז
דעם דאזיגן שווינדלער אריין אין זיין דאנקן

איבר שטרויען דיא הויז אויף איין אנדער
אופן וויא ער האט נור פאנאנדר גינומן זיינן
צו זאמן גילאפן די האלץ העגדלר אונ יעדר
בעזונדר האט זיך צו גינומן דאס זייניגע אונ
איצונד האט דר בעל הבית שוין מעהר קיין
אויגין גיהאט זיך צו שטעלין אנטקעגן דיא
דאזיגע בעלי חובות זיינע. די הויז איז גימיינט
דער כלל ישראל וויא עס שטייט בית יעקב
בית ישראל יעדר איינציגער בפרט איז פאר
זונקן איבערן קאפ אין די חובות פון חטאים
אנטקעגין השי"ת אונ כל זמן מען לעבט
באחדות ושלום צווישין אנאנד הייסט דאס
דער בנין איז צו זאמען גישטעלט דאן האט
קיין שטן קיין פגע רע ומקטרג קיין שום
שליטה ניט אויף זיי אבר ווען עס מאכט זיך
בייא אידן עפים. איין פירוד לבבות ומחלוקת
הייסט דאס דיא הויז פון ישראל איז חלילה
פאנאנדער גינומן גיווארין דאמאלסט ווערט
גיגעבן רשות למשחית איין צו מאנן פון הויז
די חובות. אויך איז ידוע דאס אפט איז איין
שטאט ארים אונ דר קהל איז רייך אונ אמאל
איז פר קערט היינו ווען זייא האבן אפעסטן
קאפיטאל אונ פיל הכנסה פון עולמות געלט
אויף צרכי צבור הייסט דאס איין רייכר קהל
אונ דער שטאט מאן וואס טראגט דעם עול
הצבור אונ היט צו געבן זיינע אפ צאלונגען
אין זיין גיזעלשאפט ער באקומט הילף פון די
קאסעיאין איין נויט אונ ווען אפילו די שטאט
לייט זיינן רייך נור דר קהל האט קיין פעסטין
קאפיטאל ווייל יעדר זארגט נור פר זיך אליין
דענסטמאל אויב עס מאכט זיך איינעם
עטוואס. איין אונגליק דא איז ער פר פאלן.
יעצט לאמיר זיך קערין צום אנהייב רייד
אונזרע די ישראל בעת זיי זיינן ארוים גיגאנגן
פון מצרים אין דר מדבר זיינן זיי בפרט ניט
גיוועזן קיין חשובים וויא עס איז גישריבן אין
יחזקאל ואת ערום ועריה דו ביסט גיוועזן נאקעט
אונ בלויז פון מצות אונ מדות טובות אונ די
גאנצע חשיבות זייערע איז נור גיוועזן אין די
אומה בכלל. וויא עס שטייט אין שמות יט

תאמר לבית יעקב וגו׳ ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש
כלומר ווען די הויז שטייט אין גאנצין אונ
דאס פאלק האלטין זיך באחדות דאמאלסט
ווערט איר בייא מיר זיין איין היילגע פאלק
דריבער ווען מען זאל זייא ציילין איטליכין
באזונדר ברמיון וויא מען נעמט פאנאנדער
דיא הויז קלעצערווייס דא איז שוין אסכנה
מען זאל ניט קומען מאנען די חובות פון די
חטאים אונ מקטריגים זאלין חלילה זיך ניט
שטארקין דרום האט מען בעסר גיציילט די
האלבע טאלר פדיון געלט דאס איז די כוונה
פון די משנה כל ישראל כו׳ אלע אידן צו זאמען
האבין עולם הבא אונ ווען אפילו איינער איז
גיפאלין אין מעמד נאר אז ער איז איין איד
אונ ער האלט זיך פעסט אן כלל העלפט מען
אים פון דעם עולמסין קאפיטאל נאך דעם
ערך וואס ער האט אמאל מיט גיטראגן דעם
עול אין זיין קהל אונ פר די קלענסטע מצוה
באקומט ער מיט דעם גרעסטן פראצענט וויא
דר פסוק זאגט ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ דיין
פאלק אלע אין איינעם זיינן צדיקים אונ פון
דעם עולמסין פרמעגינם וואס ליגט אן גיגרייט
אין באנק ווערט יעדר איינציגער ירשנן אחלק
אין דיא ארץ הקדושה די ארץ העליונה נאך
דעם ערך נאך אבר לעתיד לבא ווען איטליכר
איד באזונדער ווערט נתעלה ווערין במדרגות
קדושה עליונה דענסטמאל ווערט מען טאקע
קענן ציילן די ישראל גופא. דאס זאגט אונזר
מדרש הקב"ה דער רב חסד אונ זוכט גוטע
תחבולות פיר ישראל זאגט איצונד זאלין זיי
געבן פדיון געלט צו ציילן זיי דאס ווערט מכפר
זיין אויף זייא אונ דאמיט וועלן זייא מיר אויס
צאלין די חובות וועלכע זיי האבן זיך ביי מיר
איין גישולדיגט אבער אמאל ווערט זיין אצייט
דאס מען ווערט זייא קענן ציילן ווייל במקום אשר
יאמר להם לא עמי אתם כלומר איבר דעם זעלבינין
טעם וואס מען האט זייא ניט גיטארט ציילן
בפרט ווערט מען זיי אדרבה דווקא ציילן ווארום
יאמר להם בני אל חי עס ווערט צו זיי גיזאגט ווערין
דאס זיי זיינן די קינדר פון דעם לעבעדיגן גאט

היינו זיי וועלין נתעלה ווערן במעלה העליונה אונ יעדערר באזונדער וועט ווערן אויבערשטיגע זאך אזו וויא דער נביא זאגט כלם ידעו את ה' למקטנם ועד גדולם במהרה בימינו אמן:

ראה קראתי בשם בצלאל וגו' ואמלא אותו רוח אלהים וגו' ובדעת וגו' לחשוב מחשבות לעשות בזהב ובכסף ובנחשת. עס איז פארהאנדן איין מסורה פינף מאל געפינט זיך אין תנ"ך דר ווארט ובדעת דא. אויך אין פרשה ויקהל וימלא וגו' בחכמה ובתבונה ובדעת וגו'. אין משלי ובדעת צדיקים יחלצו. אויך אין משלי ובדעת חדרים ימלאו. אין קהלת כי יש אדם שעמלו בחכמה ובדעת ולאדם שלא עמל בו יתננו חלקו מען קען צוא נויף ציען דיא אלע פסוקים על דרך המוסר מיט איין משל. איינער אפארימטער קינסטלר האט אויס גיטראכט איין קונציגין אונ נוטציגען קאסטין היינו ער איז גיוועזן זיכער פון פייער אויך פון גנבים דען אויסער דר בעל הבית האט אים קיינער ניט גיקאנט עפענען אונ דאס אויך פיידין אין געוויסע צייטן אין אים איז גיוועזן צו רעכט גמאכט פיל פרשיידינע פאטענטניקעם פאר נייטיגע פאפירן בילעטן בעזונדר תכשיטים גאלדענע זילבערנע מטבעות ווידר בעזונדער וכדומה. אזעלכע טייערע קאסטינס האט ער גימאכט דריי זייא זיינן אן גיקומן צו דריי פרשיידענע מענטשין איינר פון זייא איז גיוועזן אקלוגער באנקיער אונ האט מיט אים באנוצט וויא גיהעריג איז. דר צווייטר איז גיוועזן אנארישער ארימאן ער האט אים אן גישאטין פול מיט קארטאפיל. דר דריטער איז גיוועזן איין נאר אונ וויל ער האט איינינע מאל גיפרובירט עפענען אונ ניט גיקענט האט ער אים ארויס גיווארפן אין איין ווילגאטנעם ארט ביז וואנן ער איז לסוף פארפוילט גיווארין אין אצייט ארום אז דער מייסטר האט באקומן אידיעה פון אלע דרייען האט ער פון ערשטין גרויס נחת גיהאט אז ער ניים צו שעטצן די טיפע חכמה אונ דיא נוטע וויגאדעם פון קאסטין אויף דעם אנדערן האט ער זיך זייער מצער גיוועזן דאס אזו אטייערע כלי זאל גאר פאר ברויכט ווערין צוא אגימיינעם ארבייט נור דאמיט האט ער זיך גיטרייסט דאס ער נוצט דאך פארט צו עפיס אין דר וועלט אונ זיין מיהע איז ניט גאר אין גאנצן אוב זיסט אבר ווי ער פלעגט זיך דר מאנען אן דעם טרויעריגן סוף פון דעם דריטין קאסטין דא האט ער גיטרויערט דען ניט גינוג וואס יענר פרשטייט ניט ווי צו שעטצן זיין וויכטיגע חכמה נאך מער ער בעדינט זיך ניט מיט אים אפילו וויא מיט איין פראסטן הילצערנעם ביז ער ווערט בייא אים כלה. די זאך איז אזו הש"ית האט אריין גיגעבן אין מענטשן נאר די חכמה כדי ער זאל וויסין וויא דאמיט צו בענוטצין אין די חכמות וסודות התורה הקדושה אויך אין די מעשה המצות הן בגוף הן בנפש דרום אז הקב"ה בעטראכט דעם צדיק בשעת ער איז מקיים זיינע מצות אונ איז עוסק אין עמקות התורה בחכמה נפלאה דאן איז ער פון אים מקבל נחת רוח אין צווייען סייא פון זיין חכמה סייא פון זיין גוף דאס דאמיט איז ער מקיים מצות בפועל ממש אבער אז מען לייגט אוועק דעם קאפ אויף עולם הזה אויף פוסטע שטאט בעטריגערייא שווינדלען אונ תורה גאר ניט דא איז זיך כביכול מצער דאס אזו אשכל נפלא קומט איניוועטין נור זיין טרייסט איז אז ער איז ניט אין גאנצן פאר דארבין אונ זיין גוף איז חאטשע ראוי צום לעבן נאר דר רעכטר רשע וואס ער איז שוין דורך אויס פר דארבן אונ איבער דעם גייט ער אונטער פון דר וועלט אויף דעם רשע טרויערט די שכינה כביכול אז די בריאה זיינע איז גיוועזן אין גאנצן אומנוציג. די גמרא שרייבט אין סנהדרין אין די צייט ווען די סנהדרין האבן איינעם פר משפט אונ מען האט אים גיפירט הרגנן טרויערט די שכינה קלני מראשי קלני מזרועי כלומר וייא ער האט פר אכטעט דעם טייערן שכל פון מיין קאפ כביכול וואס איך האב אין אים אריין גילייגט ווי ער האט פראכטעט זיין אייגענעם גוף וואס ער איז פון מיין מעשה ידי אונ נאך דעם דאזיגן בארעכע. ונג דארף

אמענטש איינגענטליך גאר ניט וועלן אן הייבן עוסק זיין אין דר וועלט נור פר ברייגנגען אין תורה ועבודת השם. אבער דאס פר לאנגט הקב"ה אליין אויך ניט. אזו וויא די חכמים ז"ל זאגן עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי דר. עיקר דארף טאקע זיין תורה אבר מען מוז דר צו וואס טאן אמלאכה אויך צום לעבן ווארום אם אין קמח אין תורה נאר די ספרי מוסר זאגין אז דער דרך איז דווקא פאר איין גוטין קאפ וואס ער האט בכח צו בעווייזן ביידע זאכן אבער דער קליינער בעל שכל ווען ער וועט דארפן פאר בריינגן אין עניני מחיה וכלכלה וועט ער ניט פאספייען צו לערנן אזו אלייט מוז נור לערנן אונ אוועק לייגן דאגות הפרנסה גאר אן אזייט מיט דעם בטחון דאס השי"ת וועט אים שפייזן בדרך נס. בדמיון איין ארימאן איז גיקומן אין אקרעצמע האט ער גיפונען פול אורחים מען קאכט מען בראט ער נעביך גייט ארום פאר שמאכט אונ מען ענטפערט אים גאר ניט פלוצלונג איז באפאלן איין שר מיט חיל אונ מען האט דיא אלע לייטן גיבונדן אונ אוועק גיפירט דען דאס איז גיוועז איין חברה פון גנבים אונ גזלנים אונ די גאנצע סעודה איז גיבליבן פאר דעם הונגעריגן ארעמאן דאס גלייכן זאגט דער פסוק יכין וצדיק ילבש דר רשע גרייט אן אונ דאס קומט אן דעם צדיק וויא דיא מעשה אין מסכת שבת אז דעם עובד כוכבים'ס פרמעגנס איז אן גיקומען בדרך נס צו יוסף מוקיר שבת אזו זאגט אויך די גמרא אין חגיגה איין רשע שטארבט אפט פר דער צייט אונ זיינע איבריגע יארן גיט מען איבר אצדיק דאס אלעס זאגט די מסורה אין קורצע ווארטן ואמלא אותו רוח אלהים בחכמה ובתבונה ובדעת כלומר הקב"ה בקלאגט זיך אויף דעם מענטשן אונ זאגט איך האב אים דר פילט מיט חכמה ודעת כדי ער זאל דאס באנוטצן צו קדושה לחשוב מחשבות לעשות בזהב ובכסף אונ זיין מחשבה איז נור אין הבלי עולם וויא איין צו זאמלען גאלד אונ זילבער אונ דאס איז ניט רעכט גייערט וימלא אותו וגו' בדעת וגו' ולחשוב מחשבות לעשות בזהב וגו' נאט האט אים גיגעבן דעם שכל דער עיקר אויף גייטליכע ענינים אונ וועגין פרנסה דארף מען אויך עטוואס טראכטין דרום שטייט דר ולחשוב וגו' פון ויקהל מיט איין וא"ו כלומר אונ דאס אויך הייבט אן טאגן דר נפש פון דעם קליינעם בעל דעת ובדעת צדיקים יחלצו ובדעת חדרים ימלאו כלומר קען איך דען מיט מיין קורצן שכל בעגרייפין אין תורה לערנען אונ עוסק זיין אין דער וועלט. ענטפערט גאט ב"ה כי יש אדם שעמלו בחכמה ובדעת ולאדם שלא עמל בו יתננו חלקו דאס טייטש עס טרעפט איינר איין רשע וואס זיין גאנצע הארעוואנע אונ זיין רעכטין דעת והתחכמות איז נור גיוועז וויא געלט איין צו זאמלן אונ לסוף קומט דאס אן איין פרעמדן צדיק דאריבר זיי דו זיך אויך פורש פון עניני העולם. אונ חיות וועסטו האבין דאס דו אליין וועסט ניט וויסין פון וואנען דיר איז גיקומען:

אך את שבתתי תשמרו כי אות היא ביני וביניכם וגו' לדעת כי אני יי' מקדשכם דאס טייטש נאר מיינע שבתים זאלט איר היטן דען דאס איז אצייכן צווישין מיר אונ אייך צו אייערע דורות כדי צו וויסין דאס איך גאט בין אייער הייליגער. דער ווארט אך איז אין פלוג איבעריג. אויך שיקט זיך ניט מיט אלע מצות האט ער אונז דאך גיהייליגט וויא מיר זאגן אשר קדשנו במצותיו ווארום איז גישריבן גראד דא ביי שבת אני יי' מקדשכם דאס וועט רעכט מיט אמשל. אסוחר האט גיגעבן צו אשניידער איין גאנצע שטיק סחורה פאר זיין בן יחיד אויף קליידער אז ער האט אלע בגדים אפ גיבראכט אחוץ איינעם האט דאס קינד אלע מיט איין מאל אויף זיך אן גיטאן אונ ארוים אין גאס בערימן זיך איז גיקומן איינר אווילדר יונג אונ האט אים ארייין גיווארפן אין אבלאטע דאמיט איז דר קאלאר פון זיי אראפ אונ גאר פר דארבן גיווארן לסוף וויא עס איז פארטיג גיווארן דער לעצטר בגד זאגט צו אים דר פאטר מיין קינד איצטר היט האטשע דעם איינציגן בגד דען ער איז איין בעוויז אויף די אלע וויא שיין אונ פיין זייא

זיינן אמאל גיוועזן אויך וויא וואלטן זיי גיוועזן אז דו וואלסט זיי גיהיט. דער נמשל איז דער רמב"ם שרייבט אין מורה נבוכים פאר דעם חטא פון אדם הראשון פלעגט מען פילן אטעם אונ איין תענוג אין אמצוה וויא איין תענוג פון עולם הזה נאר מחמת דיא זוהמא אונ קליפה פון נחש הקדמוני האט מען פאר לארין דעם תענוג אונ לעתיד לבא וועט זיך דאס צוריק אומקערין לבד איין מצוה איז אונז גיבליבין וואס עד היום פילין מיר נאך פון איר איין גרויסן נחת רוח דאס איז שבת ווייל שבת איז בעת חטא גיוועזן בייא דעם מייסטער הקב"ה אונ עס איז אן גיקומן שפעטער נאך דעם חטא דרום רועט אויף אים ניט דר רוח רעה פון שטן אונ דר עונג שבת איז אסימן אויף דעם היילגן תענוג פון אלע איבעריגע מצות דאס זאגט השי"ת אך את שבתותי תשמורו היט האטשע דעם לעצטין בגד שבת פון אפלעק כי אות וגו' ווייל ער איז אצייכן אויף די היילגע תענוגים וואס מען האט גיפילט אונ איר וועט פילן שפעטער פון אלע מצות לעולם הבא:

וידבר יי' וגו' לך רד כי שחת עמך וגו' גאט האט גיזאגט צו משה גייא נידר אראפ ווארום דיין פאלק האט פר דארבן אונ גימאכט איין עגל. אין מדרש שטייט לך רד מרדות הם צריכים גידער אראפ ווארום זיי דארפין האבין קלעפ. דער שווערר מדרש ווערט ערקלערט מיט אדמיון. איין גוט קינד אמתמיד דארף האבין ארבין אמופלג אונ אגוטער מענטש. אבער איין צו לאזענר יונג מוז דער הויפט האבן אשטרייננן מלמד הגם דער למדן פון אים איז ניט אזו גיהייבן אונ דאס איז ידוע אז אחכם קען קיין רוגז ניט ברויכין וויא קהלת זאגט דברי חכמים בנחת נשמעים פאר קערט אשטראנגער כעסן איז בוודאי אנאר אונ אפראסטאק אזו וויא עס שטייט גישריבן כעס בחיק כסילים ינוח אונ ביידע באנאנד קען ניט זיין. דר נמשל איז דאס דר כלל איז הקב"ה זוכט פר אונז תחבולות וויא מיר זאלן בלייבן פעסט אין אונזר אמונה צו מיט גוטין אדער מיט בייזן. בעת מיר זיינען גיוועזן אין אגוטן מעמד פון אידעשקייט פלעגט ער צו אונז שיקן גוטע נביאים פאר מלמדים דאס מיט זייערע זיסע תוכחה האבן זיי אונז גיבראכט צו תשובה אונ אז די חטאים האבן גורם גיוועזן אונ מיר זיינן אראפ גיפאלן בשפל המצב גיט ער אונז אריין אין דיא הענט פון בייזע מלמדים קפדנים אונ פון זייערע ריטער ווערין מיר בעסער אזו וויא יחזקאל זאגט אין גאטס נאמן אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם די גמרא זאגט אין מגילה דר פינגערל וואס אחשורוש האט גיגעבן צו המן הרשע האט מער גווירקט אויף ישראל אלס דיא מוסר פון זייערע אכט אונ פערציג נביאים. דר מדרש שרייבט אין פרשה בשלח יצחק אבינו האט אונז גילאזין צווייערליי ירושות ענטוועדר דעם קול מוסר פון נביאים אדער די שווערע הענט אזו וויא דר פסוק זאגט הקול קול יעקב והידים ידי עשו דרום בעת קבלת התורה אז אידן זיינען גישטאנען במעלה העליונה זאגט דיא גמרא אין מסכת שבת אמליצה יבוא טוב ויקבל הטוב מן הטוב ליד הטובים דאס הייסט עס זאל קומען דער גוטער מלמד משה אונ נעמען פון גוטן גאט די גוטע תורה פר די גוטע תלמידים די ישראל. אבער נאך דעם חטא העגל זאגט השי"ת לך רד מרדות הם צריכים דו ביסט פר זיי שוין מער קיין מלמד ניט ווייל זייא זיינן גיווארן צו לאזן מוזין זייא איצטר האבן אבייזן מלמד מען זאל זיי שלאגן אונ האטשע בעת מעשה האט משה מבטל גיוועזן די גזירה דאך איז בעונותינו הרבים דאס מקוים גיווארן אין שפעטערגע צייטן:

פסל לך שני לוחות אבנים הייננו השי"ת האט גיהייסן משה זאל אוים האקן איינגע צוויי שטיינערנע לוחות אונ ער וועט אויף שרייבן די זעלביגע וואס עס איז גיוועזן גישריבן אויף דיא ערשטע לוחות וועלכע משה האט צוא בראכן. די פראגע ווארום האט הקב"ה איצונד ניט גיגעבן זיינע שטיינער וויא דעם ערשטין מאל דאס וועט פר ענטפערט ווערין מיט אמשל. אסוחר האט גיהאט אטרייען משולח אונ איין ערליכר מאן ויהי היום דר משולח איז אוועק

געשטארבן האט ער גינומן איין אנדערן אויף זיין שטעלע איין טויגליכר מענטש אבר קיין ערליכר מאן ניט אונ ווייל עס איז אים גיוועז אנויט האט ער זיך אזו בארעכנט זאל זיין ער וועט פון מיר גינוג נגבענן דאך וועט פר מיר אויך עפים בלייבן. אז דר משולח האט שוין בעדארפט אפ פארן רופט זיך אפ דער סוחר צו אים גייא לאז אפ שרייבן אפאפיר ווענין די אלע פרטים וואס מיר ביידע האבן צווישן זיך אפ גימאכט אונ אז דוא וועסט צו מיר ברייננן וועל איך זיך אונטר שרייבן זאגט דר משולח איך גידיינק בשעת דוא האסט אפ גרעט מיט יענעם משולח האסטו אליין גמאכט דעם פאפיר רופט ער זיך אפ אונ אזדו ווילסט גבייליך וויסן טוז איך דיר דייטליך ערקלערין מיט יענעם עליו השלום האב איך גיוואוסט אז דער ריוח וועט זיין דר הויפט מיינר על כן איז דר פאפיר אויך גיוועזן מיינר אבר איצטר מיט דיר ווייס איך אז דו וועסט זיין ביי פאר דינסט דר ערשטר אונ איך הלואי דר לעצטר דאריבר מאך דו דעם פאפיר צום ערשטן אונ איך וועל זיך אונטר שרייבן צום לעצטן. דר נמשל איז דיא ישראל אונ די לוחות דיא מדרשים שרייבן בשעת מתן תורה האט זיך פון זייא אפ גיטאן דר יצר הרע וקליפות אונ אין זייער תורה לערנען האט זיך ניט אריין גימישט קיין שום פניה נייערט דורך אוים לשמה אונ לשם שמים דרום האט הקב״ה [illegible]ך גינעבין די שטיינער צו די לוחות ווייל דר גאנצר ריוח איז גיוועזן זיינר לאפוקי אבר ביי דיא לוחות וואס נאך דעם חטא העגל האט זיך שוין אריין גימישט דר שטן ויצר הרע דאס הייסט דער לערנן אונ די עבודת השם קען שוין ניט זיין אזו ריין נייערט שלא לשמה אונ פול פניות דער לערינט כדי ער זאל ווערן איין רב אונ האבין גוטע שכירות דער פון יענר מיינט מען זאל זאגן אט אבעל הבית אנכבד אפיינער בריה דער קויפט איין אתרוג מהודר אונ איז איין עסקן במצות כדי מען זאל אויף אים ווייזן אן גייט אשיינר איד נאר אתכבשיט דורך דעם וועט ער ווערין אבטוח אונ טאן וואס ער פאר שטייט אונ דארטין שטארעט זיך יענער גאר צו ווערין אנבאי ווייל ער האפט דאס דורך דעם וועט פר קאנצעט ווערן זיין טויער וכדומה מער ניט עס קען זיך אמאל טרעפן אז פון אזעלכע שלא לשמה זאל צום סוף מיט ברייננן לשמה היינו זיי זאלן מיינען נור פון גאטס ווענן. על כל פנים מיינט מען זיך פריער דעם איינענם ריוח אונ השי״ת כביכול איז צום לעצטן דרום האט דא אויך השי״ת גיזאגט צו משה ע״ה פסל לך וגו׳ פריער האק אוים איינענע שטיינר פאר כלל ישראל אונ לסוף וועל איך אויף שרייבן אויף זייא:

אם נא מצאתי חן בעיניך יי ילך נא יי בקרבנו כי עם קשה עורף הוא וסלחת וגו׳ דאס טייטש משה זאגט צו גאט ב״ה אויב איך האב ביי דיר חן [illegible] גיי דאך צווישן אונז ווארום דאס פאלק איז מיט אהארטן נאקן דאס הייסט זייא פאלגין ניט אזו וועסטו פאר געבן אונזערע זינד. דיא קשיא פאר שטייען אלע אדרבה מחמת דעם טעם בעדארף הקב״ה גראד ניט גיין מיט זייא וויא ער אליין האט פריער גזאגט כי לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה וגו׳. דער תירוץ איז איין קורצר משל. איינר וואס זיין גישעפט איז גיוועז מיט שטיקלעך ברעקליך מיני זידן ווארג איז ער אמאל פר פארן אין איין ווייטע מדינה אונ האט דארטין קיין פרוטה ניט גילייזט האט ער זיך זייער גיוואונדרט אויף דעם זאגין די לייטין צו אים וויא מיר זעהן איין נוטצט דיינע סחורה נור אויף לאטעס צו אלטע זיידענע קליידר אונ ווייל די היגע בגדים זיינן נור פון פלאקס אדר וואל קויפט מען ביי דיר נים דרום פאר בעסער אין די מדינה וואס זיידינס איז אין דר מאדע דען דארטן וועסטו אוים ברייננן דיינע סחורה. מיר גיפינן דער מדרש דער ציילט אז משה איז גיוועזן אין הימל האט ער גיפונן הקב״ה שרייבט זיינע איינענע מדות ארך אפים וגו׳ נושא עון וגו׳ ער האלט זיך אפ פון כעס אונ איז

מוחל זינד דאס הייסט סחורה צום פר ריכטן אגינוואלד ריס אונ נאר איין פר דארבענהייט אין דעם איידעלען אונ זיידענעם נפש דרום מענעט רעכט משה ע"ה פון די מלאכים אין הימל וועסטו פר דיין סחורה גאר נישט לייזן דען זייערע בגדים זיינען אימער גאנץ כלומר זייא זינדיגן ניט על כן איז מיין עצה ילך נא יי' בקרבנו כי עם קשה עורף הוא וסלחת וגו' היינו נידער אראפ אונ רוהע צווישען דאס פאלק ישראל וואס זיי זיינען זינדיגר דאן וועסטו זיי פר געבן זייערע זינד כלומר דא אונטן וועסטו גישמאק לייזן פר דיינע סחורה ארך אפים ורב חסד וגו' נושא עון ופשע וחטאה :

## הפטרת תשא

וקראתם בשם אלהיכם אין מסורה שטייט פיר מאל גיפינט זיך אין תנ"ך דער ווארט וקראתם איין מאל אין דיא הפטרה וקראתם בשם אלהיכם. ווידער אין פרשה אמור וקראתם בעצם היום הזה. אויך אין פרשה בהר וקראתם דרור בארץ. אויך שטייט אין ירמיה וקראתם אותי והלכתם והתפללתם אלי דר סמיכות פון דיא דאזיגע פיר פסוקים ווערט ערקלערט מיט דיא ביישפילע. תיכף וויא דיא מוטער גייט אוועק וויינט דאס קינד אונ [illegible]יט מיט קולות כדי זיא זאל דער הערין אונ זיך אומקערין צו אים צוריק · אבער ווען דאס קינד רעכינט אז זיא איז שוין גאנץ ווייט פון אים דאס גיוויים וועט זיא שוין מער ניט דער הערין זיינע קולות דאן שרייעט ער ניט נאר ער חליפעט שטילערהייט. די מעשה איז בעת מיר האבן גיהאט אבית המקדש האבן מיר גיוואוסט די צייט ווען דר מדת הרחמים איז זיך גובר אונ ווען דער מדת הדין היינו דורך דיא סימנים פון רויך אונ פייער פון מזבח אונ פון די הענט פון די כהנים צום דוכענען אונ נאך איינינע סימנים וויא עס איז בעשריבן אין דר גמרא אונ אין זוהר הקדוש אונ דאן פלעגין זייא תיכף מתפלל זיין אונ תשובה טאן אבער איצטר אז קיין סימנים האבן מיר ניט אונ פיל מאל אז מיר שרייען צו השי"ת אונ מיר ווערין ניט גיענטפערט זיינען מיר זיך כמעט וויא מיאש אונ קאם וואס מיר בעטין אז דוד זאגט אין תהלים יגעתי בקראי נחר גרוני כלו עיני מיחל לאלהי דאס טייטש איך בין מיד גיווארין שרייענדיג ביז איך בין שוין הייזעריג דרום כמעט אז איך האב שוין גאר קיין שום האפענונג ניט נאר אין אמתין איז אלע טאג צייט עס זאל גיהערט ווערין אונזערע תפלות אונ עס זאל ווערין איין גאולה שלמה דורך תשובה וויא עס שטייט היום אם בקולו תשמעו בפרט איצטער באחרית הימים דאס די צייט איז מסוגל דר צו אזו וויא דער פסוק זאגט אין ואתחנן בצר לך וגו' באחרית הימים ושבת וגו' כי אל רחום יי' וגו' אונ דער עיכוב איז נאר איבער צווייא חסרונות ערשטין ווייל דאס רוב מיינען מיר מיט אונזערע תפלות נור זיך אליין אונ דער עיקר דארף מען מתפלל זיין נור דר הויפט אויף גלות השכינה וויא די מדרשים אונ דער זוהר זיינען מאריך אין דעם ענין. צווייטינס מיר בעטין נאר ווייל מיר זיינען איין גיוויינט אזו צוא דאווענען אבער ניט מיט איין ערינסט מקירות הלב אונ אלעס נאר בדרך אגב אונ וויא עס איז ידוע איז אגרויסער חלוק אז מען קומט צו איין שר אומישנע מיט אבקשה אדער ווען מען בעט אים ווערענד אז מען האט אים באגעגינט אויפין גאס בדרך אגב. די רייד האלט אין זיך איין די מסורה וקראתם בשם אלהיכם ווען איר וועט רופין אונ מתפלל זיין פאר דיא שכינה אויך וקראתם בעצם היום הזה דאן ווען איר וועט אפילו רופין היינטיגין טאג וקראתם דרור בארץ קענט איר אויך אוים בעטין פרייהייט כלומר דיא גאולה נאר באופן וקראתם אותי והלכתם והתפללתם אלי איר זאלט קומען מיט אייערע בקשות צוא מיר בכיוון אונ אומישנע דאס איז גימיינט מען זאל ניט זאגין דיא ברכות את צמח דוד וכו' ולירושלים עירך ברחמים וכו' נור מיטין מויל אוים גיוויינהייט אונ דיא קאפ ווייס ניט וואס דיא מויל רעט נור מען זאל מתפלל זיין אין געוויסע צייטין פון טיפין הארצין מיט כלות הנפש דאמאלט וועט מקוים ווערין אז תקרא ויי' יענה ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן :

## פרשת ויקהל

ויקהל משה את כל עדת וגו' ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש שבת שבתון ליי' משה האט פר זאמלט גאר די גימיינדע ישראל אונ פר זיי גיזאגט אין נאמן פון גאט [illegible] טעג זאל גיטאן ווערן אמלאכה אונ דר זיבעטער טאג זאל ביי אייך זיין היליג גאנץ רוהיג צו

זאט. דר ילקוט שרייבט הקב"ה האט גיזאגט
צו משה עשה לך קהלות גדולות כו' שבת זאלסטו
דרשנן ברבים די דינים פון שבת. דרום האבן
די רבנים ז"ל גיזאגט. משה האט מתקן גיוועזן
דאס יעדר יום טוב זאל מען לערנן פאר דעם
עולם דינים. אום פסח הלכות פסח. אום סוכות
הלכות סוכות אונ דאס גלייכין אלע ימים
טובים. עס איז נייטיג צו בעטראכטן וועגן די
קדושה פון שבת ויו"ט איניגע ענינים.
ערשטנס די קדמונים קלערן צו וואס דר מאנט
די תורה הקדושה כמה מאל בייא שבת דאס
אין דער וואכן זאל מען טאן א מלאכה אז עס
שטייט ששת ימים תעשה מלאכה אויך אין דיא
פרשיות יתרו אונ ואתחנן איז גישריבן ששת
ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלהיך
וגו' אונ ווער פאר שטייט דאס אליין ניט דאס
מען מוז ארבייטין צום לעבן. צווייטנס דעם
טעם פאר וואס אז מען האלט שבת ויום טוב
ערליך אונ הייליג ווערין זיי גירופן אויף דעם
נאמן פון גאט ב"ה אז עס שטייט שבת שבתון ליי'.
שבת ליי' אלהיך וגו' דאס גלייכין אין פרשת אמור
אלה מועדי יי' מקראי קדש אשר תקראו אותם במועדם אלה
הם מועדי עס שטייט די דאזיגע זיינן נאמט ימים
טובים דיא הייליגע רופונג וועלכע איר זאלט
זיי רופן אין זייער צייט די דאזיגע זיינן מיינע
ימים טובים ווידר דארף מען פר שטיין דיא
איבעריגע דריי ווערטר אלה הם מועדי. אונ ווען
ניט חלילה הייסן זייא אונזרע טעג אז הקב"ה
זאגט אין הושע והשבתי כל משושה חגה חדשה ושבתה
איך וועל פר שטערן פון די אומה ישראל גאר
איר פרייד איהר פייער טאג. איר ראש חודש.
אונ איר שבת. אויך שטייט אין ישעיה חדשיכם
ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטורח נלאיתי נשוא אייערע
ראשי חדשים אונ אייערע ימים טובים האב
איך פיינט זיי זיינן מיר גיווארן צו לאסט. איך
בין מיד גיווארן זיי צו דר טראגן אונ ווי פאסט
דאס גאר די ווערטער טרחה אונ מידיגקייט
בייא השי"ת כביכול. דריטנס פון דעם לשון
וואס שטייט אין שמות זכור את יום השבת לקדשו
דאס טייטש גידיינק דעם טאג שבת אים צו
הייליגין איז דער משמעות עס איז עפיס אן
גיוויזן אויף איין גיוויסע צייט מען זאל נאך
טאן ריכטיג וויא דאמאלס איז גישעהן. צום
בייא שפיל זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם
ממצרים נוא אויף וואסר צייט איז דאס גימיינט
אונ בכלל ווארום האט דיא תורה אונ אלע
נביאים אזו פיל מאל אן גיזאגט וועגין דיא
דאזיגע הייליגע טעג מער אז אלע מצות אונ
נאך כמה וכמה דקדוקים. דאס אלעס וועט
פר ענטפערט ווערן מיט אפאר קלוגע משלים.
אדוכס האט גיהאט קינדר גרויסע נאשערס
אויף פעטע אונ זיסע זאכין אונ וויא עס איז
ידוע דאס אזעלכע מאכלים זיינען זייער
שעדליך צום גיזונד דרום פלעגין זייא אפט
קריינקן אונ ער פלעגט זיין תמיד בשעפטיגט
מיט דקטורים אונ אין די אפטייקן. האט ער
זיך מיישב גיוועזן אונ גינומען צוא זיך אהויז
דאקטר איין בארימטר מאן ער זאל זיי אויס
קורירן פון אלע זייערע קראנקהייטן אונ היטן
פון דאס וואס שעדליך איז. די קינדר האבין
אבר נאך מער אן גיהויבן נאשין אונ ווען ער
האט זייא צו רעכט גימאכט רפואות ניט
אזעלכע גישמאקע האבין זיי גיט גינומען ווייל
זיי האבן זיך גיטראכט ווען ער איז יוא אזו
איין וואונדרליכער אונ בארימטער דאקטר
דא קענען מיר שוין אויף זיין סמך טאן וואס
אונזר הארץ גילוסט דר פאטר האט דאס אלין
בעטראכט אונ דרום האט ער אן גיהויבן קוקן
עפעס קרום אויף דעם דאזיגן גוטין פרומען
מענטשן. דר חכם האט דאס באמערקט אונ
זאגט אדוני דוכס גוויס ווייסטו וויא ווייט
טויגליך אונ ניצליך איך בין פיר דיינע קינדר
אונ פיל איך שטארע זיך פיר זייא. נוא וואס
פר א שולד האב איך ווען זיי זיינן צו לאזן אונ
פאלגן ניט. ענטפערט ער אים. אט דאס איז
טאקע מיינע גרויסע עגמת נפש דאס זיי האבן
זוכה גיוועזן צו בעקומן אזו איין אויס גיצייכנטן
דאקטאר איינר אין דר וועלט וואס דורך אים
האבין זייא גיקענט גליקליך זיין אויף אייביג
אונ דאך הארכן זייא אים ניט אונ ער ווערט

נָאךְ אַדְרַבָּה אַיין גְרַם צוּ זַייעֶר אוּנְגְלִיק. אוּנְ
דֶער צְוַוייטֶער מָשָׁל אִיז אַיינֶער הָאט פַּר רַייזְט
אִין מֶרְחַקִים אוּנ אִין דֶר הֵיים הָאט עֶר גִילָאזְן
דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זַיינֶע מִיט דֶער צַייט הָאט
עֶר אָן גִיהוֹיבִּין זַייעֶר בֵּיינְקֶען נָאךְ זֵיי עֶס אִיז
אִים אוֹיס גִיגַאנְגֶען דִי כֹּחוֹת עֶר וִויל וָואס הֶערְן
פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. אָבֶּער עֶר בֶּעקוּמְט קַיין שׁוּם
יְדִיעָה נִיט. אַיין מָאל וִויא עֶר זִיצְט אַזוֹ פַאר
צָאגְט אוּנ פַאר קִימֶערְט קוּמְט אַרַיין אַיין
אָרִימַאן פוּן זַיין שְׁטֶעטִיל בֶּעטִין אַנְדָבָה
נַאטִירְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶער פְרַייט מִיט
אִים אוּנ אִיז צוּ גִיפַאלִין צוּ אִים נָאךְ פְרֶעגִין
וָואס מַאכְט דֶער פָאטֶער דִי מוּטֶער זַיינֶע אוּנ דִי
גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע. אִין מִיטְן גִיט זִיךְ דֶער קַבְּצָן
אַבֵּייזֶער אוּנ זָאגְט עֶס וַוייזְט אוֹיס דוּ מֵיינְסְט
נָאר דָאס אִיךְ בִּין אַרָאפּ גִיקוּמֶען אַזוֹ אַמַהֲלַךְ
רַב נָאר אוֹיף הוֹילֶע גִירִיסְן אָפּ צוּא גֶעבִּן נַיין
אִיךְ בִּין גִיקוּמֶן צוּ זַאמֶן קְלַייבִּן עֶטְלִיכֶע גִילְדֶן
אוּנ וֶוען אִיךְ וֶועל זִיךְ אַוֶועק זֶעטְצִן מִיט דִיר
רֵיידְן טוּא וָואס וֶועט דָא וֶוערִן פוּן מִיר זָאגְט
יֶענֶר דוּ בִּיסְט אוֹיךְ גִירֶעכְט נוּא זָאג מִיר פִיל
רֶעכֶנְסְטוּ זִיךְ דָא צוּ זַאמֶען קַבְּצֶנֶען הַיינְטִיגִן
טָאג צְוַויי אָדֶר דְרַיי גִילְדִן בְּעֶרֶךְ טוּא נֶעם דִיר
דָאס אַיין נְדָבָה אוּנ פֶערְבְּרֵיינְג בַּיי מִיר הַיינְט
דֶעם גַאנְצִין טָאג. וִויא דֶער עָנִי הָאט מְקַבֵּל
גִיוֶוען דִי גוּטֶע נְדָבָה הָאט עֶר זִיךְ דֶער מִיט
זֵייעֶר גִיפְרֵייט אוּנ הָאט שׁוֹין אָן גִיהֵייבִּן דֶער
צֵיילִין נַייֶעס פוּן זַיין שְׁטֶעטִיל רֵיידִינְדִיג הָאט
עֶר אָן גִיפַאנְגֶען צוּ דְרֶעמְלֶען אוּנ תֵּיכֶף אַיין
גֶעשְׁלָאפֶן אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִיוָוארִן זֵייעֶר
אִין כַּעַס אוּנ זָאגְט צוּ אִים אִיךְ הָאבּ דִיר בְּכִוָּן
בֶּעפְרַייט דוּא זָאלְסְט נִיט דַארְפִין זִיךְ אַרוּם
שְׁלֶעפִּן זוּכִן דַיין בִּיטֶערְן בְּרוֹיט כְּדֵי דוּ זָאלְסְט
קֶענֶען זִיטְצִין אוּנ מִיר דֶער צֵיילִין פוּן מַיינֶע
טַייעֶרֶע קְרוֹבִים וָואס אִיךְ בִּין פוּן זַייא פַאר
וָואגִילְט גִיוָוארְן אִיצוּנְד וִוילְסְטוּ זִיךְ בֶּענוּטְצִן
מִיט מַיין גֶעלְט אוּנ מַיין צַייט נוּר פוּן דַיין
הֲנָאָה וֶועגְן כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיס רוּעֶן
אוּנ אוֹיס שְׁלָאפִן. דִי מְשָׁלִים זַיינֶען אִין פְלוּג
וֶועלְטְלִיכֶע אָבֶּער דִיא כַּוָּונָה אִיז הוֹיל יִרְאַת

שָׁמַיִם אוּנ מוּסַר הַשְּׂכֵל הקב״ה הָאט אַרוֹיס
גִינוּמֶן פוּן אוּנְטֶער זַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד אַהֵיילִיגֶע
אֵיידֶעלֶע נְשָׁמָה אוּנ אִיר פַּר שִׁיקְט וַוייט אוּנְטְן
אִין אַיין מֶענְטְשְׁלִיכִין חוֹמֶר עֶר וָואלְט אָפְּט
וֶועלִן הֶערִן גוּטֶע פְרוּמֶע יְדִיעוֹת וִויא גֵייט עֶס
אִיר אִין פַּרְנָסָה מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת אָבֶּער עֶר
הֶערְט גַאנְץ וֵוייניג וַוייל דֶר גוּף צוּ מִישְׁט אִיר
אַגַאנְצֶע וָואךְ דִי הֲבָנָה מִיט טִרְדוֹת וְדַאֲגוֹת
הַפַּרְנָסָה וֶועלְכֶע נֵייטִיגֶע צוּ חַיּ״ת אוֹיךְ מִיט
דוּמֶע שְׁטַאט אוּנ נַארֶעשֶׁע כַּאדֶעשׁ דְרוּם
הָאט השי״ת בֶּעשְׁטִימְט דִי הֵיילִיגֶע רוּהֶעטֶעג
נָאךְ צוּ פְרֶעגִן אוֹיף דִי נְשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה אוּנ צוּ
פַּר בְּרֵיינְגֶען וֶועגִן אִיר דָאס הֵייסְט עֶר שִׁיקְט צוּ
יֶעדֶערְן אִין זַיין אוֹפָן גִינוּג אוֹיף הוֹצָאוֹת שַׁבָּת
וְיוֹם טוֹב אוּם מֶען זָאל קֶענֶען אַרָאפּ וַוארְפִין
פוּן זִיךְ דִי הַבְלֵי הָעוֹלָם אוּנ אִיטְלִיכֶר נָאךְ זַיין
דַרְגָא נָאךְ זָאל דִיא טֶעג עוֹסֵק זַיין נָאר אִין
תּוֹרָה וַעֲבוֹדַת השי״ת אוּנ דִי צַייט פוּן עֶסִן אוּנ
טְרִינְקֶען לְשֵׁם שָׁמַיִם לִכְבוֹד שַׁבָּת וְיו״ט אִיז
אוֹיךְ אַמִצְוָה אוּנ עֲבוֹדָה קְדוֹשָׁה. לָכֵן דֶר טָאג
הֵייסְט דָאס גָאטְס טָאג וַוייל עֶר הָאט גִיגֶעבִּן
אַפְרִיעֶר אַגוּטֶע נְדָבָה אוֹיף הוֹצָאוֹת אוֹיךְ דֶר
מֶענְטְשׁ פַאר בְּרֵיינְגְט טַאקֶע נָאר פַאר הקב״ה
אוּנ דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער אֵלֶּה הֵם
מוֹעֲדָי (גָאט זָאגְט דָאס אִיז מַיינֶע יָמִים טוֹבִים)
עֶס גִיט אָבֶּר דְרַייעֶרְלַייא לַייטִן זַיינְס פְרוּמֶע
זֵיי וָואלְטִין תָּמִיד גֶערְן גִיוֶועְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה
נָאר דִי בִּיטֶערֶע פַּרְנָסָה שְׁטֶערְט זֵייעֶר גוּטִין
רָצוֹן אַז דִיא חֲכָמִים ז״ל זָאגְן אִין אָבוֹת אִם אֵין
קֶמַח אֵין תּוֹרָה עַל כֵּן אַגַאנְצֶע וָואךְ וַוארְטִן זֵיי
אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת קוּיים זַייא דֶער לֶעבִּן
אִים דַאן פַאר בְּרֵיינְגֶען זַייא נוּר אִין הֵיילִיגֶע
עִנְיָנִים. צְוַוייטִינְס גִיבְּט אַזֶעלְכֶע דָאס קוּיים
זַייא עֶסִן אָפּ תֵּיכֶף פַאלְן זַייא צוּם שְׁלָאף אוּנ
אַזוֹ גֵייט אַוֶועק בַּיי זַייא שַׁבָּת וְיו״ט אִין גָאר
נִישְׁט אוּנ דִיא אָרִימֶע בַּעֲלֵי שֵׂכֶל בֶּעטְרַאכְטִן
גָאר נִיט אַז הקב״ה הָאט בַּיי זֵיי אָפּ גִידוּנְגֶען
דִיא דָאזִיגֶע טֶעג פִיר דִי רֶעכְטֶע נְדָבוֹת וָואס
עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַפְרִיעֶר אִיטְלִיכְן נָאךְ זַיין
עֶרֶךְ כְּדֵי דֶר שַׁבָּת זָאל נוּר גִיהֶערִן צוּ עֲבוֹדַת

הש״ית

השי"ת. דריטנס גיפונען זיך לייטן דאס זייער רצון איז אימר נאך צו גיין נאך תאוות היצר (רחמנא ליצלן) נאר וואס זאלן זייא טאן דען מחמת גרויס יגיעת הפרנסה זיינען זיי ניט אין שטאנד די גאנצע וואך אויס צו פירן אונ פר געסן דרום אן אלעם וויא דר תנא לערנט אונז אין פרקי אבות שיגיעת שניהם משכחת עון אבער וויא עס קומט דער טאג שבת אדער יום טוב וואס זיי ווערן פרייא פון דר מלאכה אדר פון אנגישעפט דאן לאזן זיי זיך אוועק אויף תאוות היצר הן אין שטאט הן אויסין שטאט אונ טוען כל המעשים רעים ר"ל ווי עס איז בקאנט די שבתדיגע קלקולים אונ דעם טאג שבת דר גרויסער דאקטער צו די נשמה פאלגן זייא ניט ער ווערט בייא זיי אין די הענט אדרבה פאר קערט אסיבה צו אלע קראנקהייטין פון נפש אונ אגרם צו תאוות רעות דאס הייסט דער שבת איז נור פר זייער גוף אליין ניט פר דיא נשמה וואס איז שייך צוא הקב"ה דאס זאגט הקב"ה חדשיכם וגו' היו עלי לטורח וגו' כלומר ווען די ימים טובים זיינען נור אייערע דאס איר פר ברייניגט נור זייא אויף אייערע נוטצין דרום זיינען זיי גיווארן אדרבה מיר צום לאסט ווייל זיי זיינען אגרם צו חטאים אונ דאס איז דר מיין פון פסוק ששת ימים תעשה מלאכה היינו זעקס טעג מוז מען דאך ארבייטין ברויט צו פר דינען על כן איז ניט מעגליך עוסק צו זיין בהתמדה אין דער תורה נאר וביום השביעי לכל הפחות שבת האלט הייליג ווארום שבת שבתון לה' דער טאג דארף גיהערן צו גאט ב"ה ווייל ער האט אייך גינוג בצאלט פר אים פאר אויס. גם איז ידוע אז וואס די גמרא שרייבט אין מסכת שבת אז די תורה איז גיגעבן גיווארן אום שבת ארמז אזו גוט אז דאמאלס זיינען גישטאנען כל ישראל ביי דעם בארג סיני אונ האבן גיהערט דברי תורה אזו אויך מוז מען זיך אלע שבת פר זאמלען אין די שולן אונ אין די בתי מדרשים כדי צו הערן וויא דר חכם דרשינט דען אין אלע שבתים ווערט איין התעוררות פון הימל די זעלביגע איז בשעת מתן תורה דרום שטייט אין די עשרת הדברות זכור את יום השבת לקדשו דאס גלייכין אין משנה תורה איז גישריבין שמור את יום השבת לקדשו כאשר צוך ה' אלהיך היינו דאס איז גימיינט דוא זאלסט גידיינקן דעם טאג שבת פון קבלת התורה כדי אין דעם ארט זאלסטו היטין אייביג אלע שבתים מיט תורה ועבודה. איצונד לאמיר זיך קערין צו אונזער ילקוט עס שטייט ויקהל משה וגו' היינו משה האט פר זאמלט אלע אידן אונ פר זייא גדרשינט די דינים פון שבת ווייל הקב"ה האט אים אזו גיזאגט עשה לך קהלות כו' מאך דיר פר זאמלונגן אונ דרשע פאר זייא אום שבת דיא הלכות שבת דאס גלייכין אלע ימים טובים האבן די חכמים גזאגט אז מען זאל פר ברייננן אין תורה לערנן ברבים כדי עס זאל גלייך זיין צו יענעם שבת ויום טוב פון מתן תורה. וויא עס שטייט דארטין גישריבין אין דברים את הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם בהר מתוך האש השי"ת זאל אונז העלפין מקיים צוא זיין אויף דעם דאזיגן ארט דאן ווערט אויף אונז מקוים ווערן די נבואה פון ישעיה הנביא כל שומר שבת מחללו ומחזיקים בבריתי והביאותים אל הר קדשי דאס טייטש די וועלכע עס היטן זיך פון חילול שבת אונ האלטן זיך פעסט אן מיין זיכערהייט כלומר אן די תורה וועל איך זייא ברייננען צו מיין היילינן בארג ציון במהרה בימינו אמן:

ויבאו האנשים על הנשים וגו' הביאו חח ונזם דיא מאנען זיינען גיקומען מיט די ווייבער אונ האבן גבראכט זייערע צירונג איין נדבה צום משכן. דר פסוק דר ציילט אונז די צדקות פון יענע ווייבר עס איז ידוע אז תכשיטים זיינען בייא נשים דאס געליבטעסטע אונ דיא חשובסטע זאך אין דער וועלט זיי שפארן אפ פון אלעם אונ צאלן בשתיקה אויס פיר צירונג אונ דרום צום עגל האבן זייא אליין ניט גיגעבן ביז וואנן די מאנן האבן מיט גיוואלד זייא אויס גיטאן די אויריננגליך פון די אויערן אזו וויא עס איז גישריבין אין שמות ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב וגו' אבער צום משכן האבן זיי אליין גיבראכט נור ווייל בשתיקה דעם מאן טאר מען פון זיי

קיין רעכטע צדקה גיט צוא נעמען אונ דאס הייסט גזלה וגניבה דרום זיינן די מאנען מיט גיקויפן זאגן דאס זיי זיינן אויך מסבים דר צו:

מרבים העם להביא מדי העבודה למלאכה דאס טייטש מען האט גיזאגט משהן דאס פאלק ברייננן צו פיל אז גינוג איז צום ארבייט. די פשטנים פרעגין אויף דעם כופל לשון פון די ווערטר מדי העבודה. אויך ווייטר שטייט והמלאכה היתה דים וגו' האט מען גיקענט פאר שפארין עטליכע ווערטר נאר די מעשה איז אזו. ווען מען גיט גאלד זילבר צו דער ארבייט מוז מען געבין עטוואס מעהר אז דיא כלי וועט לסוף ווערן ווייל עס פאלט אפ פון די מעטאל בשעת דער ארבייט דרום דער ציילט אונז די תורה דאס גוט הארין פון ישראל מרבים העם להביא מדי העבודה למלאכה זייא האבן גיבראכט נאך מעהר אלס גינוג איזט אויף אפ פאל:

דאס רוב פאלט פרשת פרה צו סדר ויקהל דרום איז די הפטרה גישטעלט אויף פרשת פרה צום סוף ספר:

## פרשת פקודי

אלה פקודי המשכן משכן העדות דער מדרש שרייבט רבי שמואל זאגט עס שטייט צווייא מאל משכן ווייל צווייא מאל איז דער בית המקדש פאר משכינט גיווארין דורך אונזרע זינד וויא עס שטייט אין נחמיה חבול חבלנו לך ולא שמרנו את המצות ואת החקים מיר האבין גימשכינט צו דיר אונ ניט גיהיט דיא מצות. אונ נאך כמה דקדוקים וועלכע זיי וועלן פאר שטענדיג ווערן פון תירוץ וועט רעכט ווערן מיט אמשל. צווייא האבין גיטאן צווישן זיך איין שידוך איינער איז גיוועזן אבעל מלאכה אקינסטלער דאס קיינר האט די מלאכה ניט גיקענט אחוץ ער אונ דר אנדערר האט גהאט די אלע ניצייג וואס יענעם פאדערט צו דר ארבייט. נאך תנאים אז מען האט בדארפט וואס איין לייגן לקיום האט דר שליש גיגעבין איין עצה מען זאל ביי אים איין לייגן די גיצייג אונ דאס וועט זיין דיא בעסטע בטוחות דען אזו גוט ווי דר בעל מלאכה קאן ניט ארבייטן אן די גיצייג אזו אויך האט דער אנדערר ניט וועמן צו פאר קויפן אויסר אים ממילא וועלן ביידע צדדים זיין געדריקט מתחת צו זיין זיך צווישן אנאנד. אמאל האט דר בעל מלאכה אוועק גילייגט זיין מלאכה אונ אן גיהויבן גאר איין אנדער גישעפט דאן האט נור געדריקט דעם קרעמער פון די גיצייג אבער ניט דעם מייסטר. דער נמשל איז מיר האבן אין איין אנדער ארט גינוג מאריך גיוועזן אונ בעוויזן מיט ראיות דאס דר בית המקדש איז גיוועזן צו גיפאסט נור דוקא פר די ישראל אין אלע ענינים פון עבודת הבורא ית' אונ דער בית המקדש הייסט דאס אונזר גיצייג אבער וויא מיר האבין אויך גיהערט פרום צו זיין נוטצט שוין פר אונז קיין בית המקדש ניט אונ דאס הייסט נור הקב"ה כביכול איז פאר משכינט דאס איז די כוונה פון מדרש אין צווייערלייא אופנים איז דער בית המקדש אין בטוחות ומשכון טייא אנטקעגן השי"ת טייא אנטקעגן די ישראל אבר וויא מיר האבן גיזינדיגט אונ מיר האבן די היילגע מלאכה פון תורה אונ מצות אוועק גילייגט אן אזייט זאגט דר פסוק חבול חבלנו לך ולא שמרנו את המצות וגו' כלומר נור דיין משכון ליגט. אבער אונז דוכט זיך אז דר חורבן בית המקדש איז שוין גאר ניט אזו איין גוואלד ווייל ולא שמרנו וגו' מיר האבן אויף גיהערט היטין תורה ומצות אז גיהערט איז דרום האבן מיר שוין קיין רעכטן ויפיל אין די קדושה פון מקדש אונ מיר מיינע לאמיר זיין וואו עס איז אבי נור מיר זאלן האבן פרנסה. נאך אפשט אלה פקודי המשכן וגו' דער מדרש שרייבט ווארום רופט מען אים משכן ווייל צו ליב די זינד פון ישראל איז ער פאר משכינט גיווארין. דא איז איין גרויסע שאלה ווארום דרשינט בעסר ניט דר מדרש די עלביגע אין די פאריגע סדרות וואס דארטין שטייט שוין כמה מאל דער מאנט דר נאמן משכן. נור די מעשה איז אזו ווען מען קויפט תכשיטים קען זיין ענטוועדר צום פוטזאדר טאמר אין אנויט חלילה זאל האטשע זיין וואס צו פר זעצן נאר

דיא

די בחינה צו דר קענן דעם מיין פון דעם קושיא איז דאס אויב גלייך נאכן קויפן דר לאנגט ער די ווייב און זאגט נעם דיר און טראג גיזונטער הייט איז אסימן אז ער איז טאקע רייך און מיינט נור עס זאל בלייבן אין שטוב צירונג. אבער אז ער נעמט תיכף דאס וועגין און שאטצן און פר ציכנט ביי זיך די גיוויכט דר פון און פיל ער האט באצאלט דאס איז שוין אבעווייז אז ער איז עפים ניט אזו פעסט אין מעמד און עס ווילט זיך אים שוין וויסן קלאר פיל ער וועט אמאל קענן אויף דאס קריגין ביי אמלוה. דאס גלייכין בעת מיר האבין גיטאן דעם רצון הבורא ית' איז דער בית המקדש גיוועז פיר אונז אשיינר צירונג דארטן האבין מיר גיקענט אויס פירין די עבודה פון הקב"ה בקדושה ובטהרה מיט אלע פרטים פר קערט אז מיר האבין אן גיהויבן זינדיגין שטייט אין מדרשים שפך חמתו על העצים ועל האבנים היינו הקב"ה האט בשעת חורבן אויס גילאזן דעם כעס אויף די האלץ און די שטיינער פון בית המקדש און דאס איז גיוועז אכפרה פר דעם כלל ישראל דאס הייסט דר ווייל האבן מיר זיך דאמיט דורך גישווינדלט און גבליבן לעבן עד היום הזה. דאס איז דער מיין פון אונזער מדרש בשעת עס איז פארטיג גיווארין דער משכן האט מען איינגענטליך בעדארפט נעמן און איבר געבן. די ישראל אין האנט זיי זאלן אים פאר ניטצין גיזונטערהייט. נוא ווארום האט מען אפריער אים איבר גציילט און איבר גיוואוגן. גאלד אזו פיל. זילבר אזו פיל. קופר אזו פיל. וויא עס שטייט דא גישריבן ויהי זהב התנופה תשע וגו' וכסף פקודי העדה מאת ככר וגו' ונחשת התנופה שבעים ככר וגו' גיווים ווייסטו דאס אז עס וועט זיין אנויט צייט און מיר וועלן דאס מוזן פר משכנען. דאס רעט דר מדרש אלה פקודי המשכן וגו' שנתמשכן בשביל עונותיהם של ישראל היינו ווייל מען האט אלין אפריער איבער גיציילט איז אראיה דאס הקב"ה האט שוין פון אנפאנג פר זאגט אז דאס זאל נוטצן פיר אונז אן שטאט אמשכון פאר אונזערע זינד ווייל

אונזער מעמד אין יראת שמים איז ניט פעסט און דאמיט זאלן מיר זיך קענען אויס העלפן אין דיא איינגע צייט פון חורבן. גם איז ידוע ווען איינר פר זעצט אמשכון אויף די דעה גיט ארויס צו נעמען איז ער ניט מדקדק בשעת מעשה צו בעקוקן ריכטיג די ווערדע און די גיוויכט ווען אבר אז ער מיינט גיווים אויס צו לייזן דאן דער לאנגט ער דעם מלוה צו דער האנט גנויא מיטין צאל. מיר גיפינען בעת חורבן אז הקב"ה האט איבער גיגעבין דעם נבוכדנצר אין האנט אלע היילינע כלים שטייט פאר שריבין פון אלם דעם צאל אין מלכים און אין ירמיה דאס איז אגוטער סימן אז עס וועט זיך אמאל צוא ריק צוא אונז אום קערין:

ויביאו את המשכן אל משה וגו' והנה עשו אותה כאשר צוה יי כן עשו ויברך אותם משה דאס טייטש אז דר משכן איז פארטיג גיווארן האט מען אלעס גיבראכט צו משה און ער האט גיזעהן דאס זיי האבן גימאכט וויא גאט האט גבאטן האט ער זייא גיבענשט. דער מדרש שרייבט רבי תנחומא זאגט עס שטייט אין תהלים לרקמות תובל למלך אויס גינייטע בילדער ווירד גבראכט צו דעם מלך דאס איז גימיינט דר משכן וואס ער איז גיוועז גמאכט מיט ציורים און גבראכט גיווארן צו משה רבינו ע"ה וואס ער ווערט אן גירופן דער מלך פון ישראל אזו וויא עס איז גישריבן אין דברים ויהי בישרון מלך אויך שרייבט דר ילקוט בשעת הקב"ה האט גהייסן מאכין דעם משכן האט זיך משה אפ גירופין ביין איך דען איין גאט דאס איך זאל קענן אזו מאכן האט הקב"ה אים גיענטפערט כתבניתם אשר אתה מראה בהר מאך אז דעם גישטאלט וואס דו ביסט גיוויזין גיווארין אויף דעם בארג היינו מאך אונטן וויא אויבן איז דאן וועל איך אפ טרעטן פון אויבן און מאכן רוען מיין שכינה אונטן. ווידר זאגט דר ילקוט אויף דעם פסוק ויברך אותם משה משה האט זייא אזו גיבענשט יהי רצון אז די שכינה זאל רוען אין אייערע ארבעט ויהי נועם יי אלהינו עלינו ומעשה ידינו כוננה

עליו ומעשה ידינו כוננהו אויף די דריי מדרשים איז
צו פרעגן דריי שאלות. ערשטן האט דען דר
פסוק קיין אנדר שבח ניט גיהאט צו זאגן אויף
די וויכטיגע קדושה פון משכן נור דאס אין
אים איז גיוועזן ציורים. צווייטנס מיט וואס
פר ארבט זאל די שכינה אפ טרעטן צו ליב
דעם משכן פון הימל וואס דארטין גיפינן זיך
היילגע מלאכים ושרפים וחיות הקודש אונ
זאל רוען אונטן צווישן מענטשן וועלכע מיר
זיינן אנטקעגן זיי גאר ניטש. אויך דאס וואס
אלע פשטנים ריידן וועגן דעם כופל לשון אין
פסוק ויהי נועם וגו' ומעשה ידינו וגו' ומעשה ידינו כוננהו
דיא אלע שוועריקייטן וועט אראפ מיט
אקורצע מעשה. אין איין שטאט איז אראפ
גיקומען אקינסטלער מיט אריידענדיגע קאפ
האט מען זיך גישפארט זעהען דעם חידוש
רופט זיך אפ איינר איר לויפט הערן וויא זיא
רעט נאר איינגע ווערטר דר צו ניט ריכטיגע
בעסר שטעלט זיך אונ הערט פון מיר גאנצע
ספורים ענטפערין אים דיא לייטן שוטה דוא
ביסט דאך אין תחילת אזו באשאפן גיווארין
דער וואונדער איז נור דאס אהילצערנע קאפ
וועלכע פון נאטור האט זיא קיין חיות אונ קיין
שכל אונ דאך האט דאס קונץ אזו פיל איר
אוים געבילדעט אז זיא רעט איינגע געוויסע
ווערטר כמעט וויא אמענטש. דער כלל איז
אנאך גימאכטע זאך איז פיל מער געליבטער
אלס דר עצם אונ די זאך גופא. דר נמשל איז
מלאכים מיט דיא עולמות עליונים אנטקעגן
דעם ערך פון מענטשן אין עולם התחתון דיא
חכמים ז"ל זאגין חביבין צדיקים יותר ממלאכי השרת
צדיקים זיינן געליבטר ביי הקב"ה מעהר וויא
מלאכים האטשע זייער עבודת הבורא ית'
איז געווים נאר ניט דר ערך העכר פר אונזרע
נאר אבער זייא ווייל זייא זיינען גאר די ריינע
היילגע ליכט אין גיהייבנע וועלטן דרום וויא
ווייט גוט אונ פרום זיי זיינן איז אויף זיי אליין
קיין חידוש ניט בפרט זייער עבודה איז נור
מיט דעם ריינעם רעיון אונ גידאנקן דאהער
איז ניט אזו חשוב. דר חידוש אונ חשיבות
איז נור ווען אמענטש אבשר ודם איין גיוויקלט
אין אפינצטערן הילצערנעם חומר פול תאוות
אונ ליגט אין אפינצטערע וועלט היל פון יצר
הרע אונ ביי אלעם דעם ברעכט ער זיך אונ
לייטערט דעם גוף מיט תורה ומצות ביז ער
זעהט עפים אוים וויא איין מלאך דר צו טוט
ער מצות טאקע במעשה דרום איז דער צדיק
גיליבט צו הקב"ה מער וויא איין מלאך. אויך
איז ידוע דאס דער גאנצער משכן מיט אלע
זיינע כלים זיינן גיווען גיארבעט נאך דעם ציור
אונ כוונות פון די עולמות העליונים דאמיט
אראפ צו נידערין קדושה ושפע עליונה פון
מקור החכמה מקור הברכה וקדושה דאס איז
דר פירוש רקטות זה משכן שהוא מצייר כלומר ער
איז גיווען נאך גימאלט אזו וויא די פארמע
פון אויבין וויא דיא בעלי קבלה אויך דיא
חוקרים זיינען מאריך אין דעם ענין דרום אז
הקב"ה האט גיהייסין אין דעם אופן אוים
שטעלן אמשכן האט זיך משה גיוואונדערט
ווייל ער האט גימיינט עם מוז זיין ריכטיג וויא
דארטן מיט אלע פרטים פון קדושה אונ יראת
שמים האט הקב"ה גיזאגט ניין ועשה כתבניתם וגו'
ווען עם וועט אפילו נור עטוואס זיין גלייך צו
אויבין וועט אויך זיין ביא מיר זייער חשוב
מער אז דיא עולמות עליונים גופא אונ מיין
עיקר דירה וועל איך זיך מאכין אונטן דאס
זאגט דער ילקוט ויברך אותם משה וגו' היינו וויא
משה האט בטראכט דאס די ארבייטר האבן
אוים גישטעלט אלעם ווי השי"ת האט גמיינט
האט ער זיי גיבענשט אונ גיזאגט ויהי נועם יי' וגו'
דאס איז גימיינט די שכינה אזו וויא עם איז
געשריבן אין תהלים לחזות בנועם יי' כלומר איצטר
זיינען מיר טאקע ראוי אז די שכינה זאל דא
אונטן רוען ווייל ומעשה ידינו כוננה עלינו היינו מיר
בשר ודם האבן מיר עפים גיקענט אך מאכן
אזו איין הויכן ענין. אונ נאך איין טעם ומעשה
ידינו כוננהו מיר האבין מקיים גיווען דעם רצון
הבורא יתברך במעשה ובפועל ממש. אבר
די מלאכים דינן אים נור במחשבה דען זייא
זיינען נאך ניט אין אגוף אז זייא זאלין קענען

מקיים

מקיים זיין מצות במעשה. יהי רצון עס זאל מקויים ווערין דיא ברכה פון משה רבינו ע"ה אויף אייביג אמן ואמן:

## הפטרת פקודי

אז אמר שלמה יי' אמר לשכון בערפל בנה בניתי בית זבול לך מכון לשבתך עולמים דאס הייסט וויא דר בית המקדש איז אויף גיבויט גיווארן אונ די שכינה האט דארטן גירועט האט שלמה המלך גימאכט איין גרויסע שמחה פר כל ישראל אונ האט אזו גיזאגט. גאט האט גיזאגט צו רוען אין דיקן וואלקן איך האב אויס גיבויט אוואוינונגס הויז פר דיר איין אן ברייטונג פר דיין אייביגן זיטצונג. די חקירה ספרים פרעגן וויא עס איז בהסכם פון פילוסופים דאס גוטץ ווערט נור גירופן די גוטע זאך וואס האט אקיום אויף אייביג. אויך איז אכלל דאס דר קיום פון יעדר ווערק ווענט זיך אן דעם מייסטר אונ דרום ווערט אלץ דינג כלה אונ עס איז ניט גוט באמת ווייל דר בעל מלאכה פון זייא איז נור אמענטש וואס ער אליין גייט אויך אונטער אונ שטארבט מיט דער צייט אבער די מעשים פון דעם אייביגן מייסטער הקב"ה איז בתכלית גוט אונ זייער בעשטאנד איז אויף אייביג אז דר פסוק זאגט וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד אונ דר חכם קהלת זאגט ידעתי כי כל אשר יעשה האלהים הוא יהיה לעולם דאס הייסט אלע זיינע מעשים זיינען באמת גוט אונ האבן אקיום אייביג אם כן פר שטייט מען ניט וואָרום הקב"ה האט אונז אויס גילייזט פון גלות מצרים אונ גינעבן ארץ ישראל מיט איין בית המקדש אויף אזו אקורצע צייט כמעט מיר האבן זיך גאר ניט ארום גיקוקט וויא פלוצלונג עס זיינען פון אונז פר שוואונדן גיווארן די דאזיגע מתנות טובות וויא ישעיה הנביא באקלאגט זיך למצער ירשו עם קדשך צרינו בוססו מקדשך היינו מעולם לא משלת בם בפרט אויף די גאנצע בריאה זיינע בכלל זאגט דער נביא אין זיין הייליגין נאמן ית' דאס לסוף וועט פון זיי גאר נישט ווערן אז עס איז גישריבן דארטן שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה אונ אויב אזי יוא אזו נוא וואס האט שלמה דא גיזאגט מכון לשבתך עולמים דאס טייטש דער בית המקדש וועט זיין פאר השי"ת איין אייביגר וואוינונג אונ וואס איז די שמחה גוועזן בשעת זיין חנוכת הבית ווען שלמה וואס ער איז גיוועזן קליגר פר אלעמן האט בוודאי דאמאלס פון אן פאנג שוין גיזעהן דעם חורבן בית המקדש. אויך פר וואס פרייען מיר זיך אלע פסח מיט דעם נס פון יציאת מצרים אונ וויא אזו זאגט דר פסוק ישמח יי' במעשיו היינו גאט ב"ה פרייט זיך מיט זיינע מעשים ווען זייא וועלין אלע כלה ונפסד ווערין. דאס אלץ וועט פאר ענטפערט ווערין מיט אדמיון. ווען אסוחר קויפט אפ אגרויסן טראנספארט סחורה אונ ער קען מיט איין מאל ניט אפ ליווערן צו זיך ענטוועדער די מניעה איז איבר געלט אדער מחמת דיא סחורה איז נאך ניט אין גאנצין פארטיג פון פאבריקע איז די מאדע דאס דער סוחר גיט האנד געלט דאן איז דער פאבריקאנט זיכר אז דר גישעפט איז שוין גישלאסן גיווארין אונ דער קונה וועט ניט חוזר זיין פון דעם מסחר אזו אויך דיא גאנצע בריאה אונ אלע מעשים בכלל אונ אפילו די אלע נסים אונ דיא אותות ומופתים וועלכע זיינען גישעהן פון תחלת ביז איצטער איז נאר מער ניט אלס האנד געלט צו דעם עיקר תכלית וואס דארף גישעהן דער פון באחרית הימים לימות המשיח וואס דאס איז נוגע צו הויכע קדושה אונ הימעלשע ענינים אונ די חכמה עליונה האט איין גיזעהן אז דר הויפט ציל אונ די כוונה דר פון קען ניט אויס גיפירט ווערן סיידן אז פריער זאל אלעס אונטער גיין למשל תבואה אונ אלע מיני געוואוקסן קען ניט אן הייבן וואקסן וואו אפריער ווערט ניט זייער זריעה פאר פוילט אונ כלה ביז גרונד דאמאלס קומט ארויס פון איין איינציגין קערינדיל כמה וכמה קערנר אדער אגאנצער בוים. זאגט שלמה אין קהלת מה שהיה הוא שיהיה ומה שנעשה הוא שיעשה ואין כל חדש תחת השמש דאס טייטש אלץ וואס עס איז גישעהן אין דר וועלט איז דער עיקר כוונה נור אויף דאס וואס דר פון וועט זיין שפעטר אונ דאס וואס עס איז שוין באשאפן גיווארן איז דר מיין נור דאס וואס לסוף וועט דער פון אמאל באשאפן ווערן ווייל גאר איין נייעס קען שוין ניט ווערן כלומר דרום האט די התחלה גימוזט זיין גאר פון פר צייטן אן אונ פון די דאזיגע עטוואס וועט ווערן אמאל דאס עיקר הענין. דר מדרש שרייבט אתה מוצא כלמה שעתיד הקב"ה לעשות לעתיד לבא הקדים ועשה על ידי הצדיקים בעולם הזה פון אלץ דינג וואס הקב"ה וועט דער פון אמאל פיל טאן האט ער אפריער איצונד עפיס גיטאן דורך זיינע

צדיקים

צדיקים היינו ער ווערט מחיה מתים זיין לעתיד לבא אונ אליהו הנביא האט בעולם הזה אויך מחיה מתים גוועזן אונ אזו רעכנט אויס דר מדרש פיל זאכן. בקיצור די בריאה אונ אלע נסים אונ טובות פון ישראל אונ דער בנין בהמ"ק הייסט דאס נור אז האנד געלט אונ זריעה צוא דיא שפעטערע ישועות וקדושות וועלכע עס ווערט זיין אן אשיעור דאס גלייכן דר בהמ"ק פון שלמה איז גיוועזן אז זריעה צוא דעם אייביגין בהמ"ק וועלכן הקב"ה ווערט לעתיד לבא אליין בויען אונ דיא הויפט שמחה פון זיין חנוכת הבית איז דאמאלס גיוועזן נור צו ליב יענעם בהמ"ק אז די מפרשים טייטשן דעם פסוק אין ירמיה כסא כבוד מרום מראשון היינו דער בית המקדש וואס הקב"ה ווערט אמאל אראפ לאזין פון הימיל ווערט ער בשאפן ווערן פון דעם בית ראשון וועלכן שלמה האט גיבויט דאס זאגט שלמה אין דיא הפטרה ה' אמר לשכון בערפל גאט האט גיזאגט צו רוען אין דיא פינצטערנים כלומר אין דעם מקדש וואס ער ווערט אמאל חרוב ווערן דען בנה בניתי איך האב אויף גיבויט אדורעהאפטיגין בנין מכון לשבתך עולמים ווייל ער איז איסוד אונ דער פונדאמענט צו דעם אייביגין בהמ"ק אונ דרום דארפין מיר איצונד זיך פרייען גלייך אז מיט דעם חנוכת הבית וואס ווערט זיין באחרית הימים במהרה בימינו אמן:

# הפטרת פרשת שקלים

ולא יחשבו את האנשים אשר יתנו את הכסף על ידם לתת לעושי המלאכה כי באמונה הם עושים כסף אשם וכסף חטאות לא יובא בית ה' וגו' דאס טייטש מען האט ניט אפ גינומען רעכענונג פון די לייטן וועלכע מען האט זייא אין האנט גיגעבן די געלט פר דיא ארבעטר צום פאר ריכטן דעם בית המקדש אין די צייטן פון יהואש המלך ווייל זיי האבין עוסק גיוועזן באמונה. שולד געלט אונ זינד געלט זאל ניט גיבראכט ווערין אין גאטס הויז. איז קשה ווארום שטייט אין מדרש פקודי דאס משה רבינו ע"ה האט פאר זאמילט די ישראל אונ פאר זייא גיוויזין אחשבון אויף אלעם וואס זייא האבין מתנדב גיוועזן צום משכן בפרט דער מדרש ברייננט דארטין אראיה פון דעם פסוק ולא יחשבו וגו' אונ אין פסוק שטייט גאר איין היפך היינו אז מען זאל ניט אפ נעמן רעכענונג. דר תירוץ איז מיט אמשל. איין בעל דרשער איז איין גישטאנן ביי איינעם אבעל הבית איינינגע וואכין אז ער האט זיך שוין גירעכינט אפ צו פארין האט דער בעל הבית אויף גיהאנגען אשלעסיל אויף דעם אורחס קעסטעלע כדי דר אורח זאל אנדרם ניט קענן עפענן נייערט פר אים אין די אויגן פילייכט ווערט ער עפיס דארטין דר זעהן פון זיינע חפצים וויא די גמרא זאגט כבדהו וחשדהו גיב דעם אורח כבוד אויך זאלסטו אים חושד זיין אפשר האט ער עפעס גינומען פון דיינע אז דער אורח איז גיקומען צו גיין זאגט דר בעל הבית ליבר פריינד איך ווייס דאס איר זייט אטרויר אונ פערטראכט אימער ווענן אייערע דרשות דעריבר האב איך פר שלאסן אום איך זאל זיין דר ביי געת עפענן אונ אייך דער מאנען איר זאלט גוט גיטראכטן אויב אייך פעלט ניט וואס אחפץ דא וועל איך זוכן אין שטוב טאמער גיפינט זיך ביי מיר אונ באמת איז זיין כוונה גיוועזן איין צו קוקן זיך אויב דר אורח האט ניט וואס צו גינומען פון זיינע. דר נמשל איז עס איז ידוע אז עבודת הבורא ית' איז ניט גלייך צו אפראסטע עבודה ומלאכה למשל אבוער אשניידער האט דאס ניט צום בעל הבית מיט וואס פר איין מחשבה ער ארבייטעט אביא נור ער זאל מאכין ריכטיג. אבער אמצוה איז דר עיקר די ריינע מחשבה בפרט ביים משכן וואס מיט די גוטע מחשבה האט מען באדארפט מתקן זיין דעם חטא העגל ווייל דר הויפט קלקול איז דארטין גיוועזן במחשבה ניט במעשה וויא עס שטייט באריכות אין ספר הכוזרי דרום האט משה ע"ה זייא צו זאמען גירופן כלומערסט אפ צו געבן פר זיי ארעכענונג אבער באמת איז זיין מיין נור גיוועזן כדי איין צו קוקן דער ווייל ער מיט זיין טיפע חכמה אין קעסטעלע דאס הייסט אין יעדערנס נפש. דאמיט ווערט ער דר קענן ווער עס האט מתנדב גיוועזן אונ גיארבייט בקדושה ובטהרה ווערט ער דר פון פאר ברויכן צום קדשי קדשים צום ארון הקודש וועז ניט ווערט מען פאר ניצן צו אקלענערע קדושה. אונ ווער גאר מיט אמחשבה זרה היינו פון כבוד וועגן מען זאל זאגן אז ער איז אפרומער אשיינער מענטש וכדומה

בפרט ניט ערליכע געלט דיא וועט מען גאר ניט ניצן. דאס זאגט דר מדרש ועליו נאמר ולא יחשבו וגו' כי באמונה וגו' כלומר מען זאל ניט מיינען אז משהם חשבון איז גיוועזן ווייל מען האט אים חלילה עפיס חושד גיוועזן ניין ער האט בוודאי גיטאן באמונה. נייערט דער טעם איז כדי כסף אשם וכסף חטאות לא יובא בית ה' דאס איז גימיינט על דרך מליצה פון אזעלכע געלט וואס האבין אין זיך עטוואס אחשש איסור זאל ניט גיבראכט ווערן פר נדבות אין גאטס הויז אונ אבעווייז אז עס איז אזו דען נאך אלע חשבונות שטייט גישריבן וירא משה את כל המלאכה והנה עשו אותה כאשר צוה ה' דאס טייטש משה האט באטראכט גאר די ארבייט אונ גיזעהן דאס זיי האבן אלעם גמאכט וויא גאט האט גיבאטן כלומר ערליכע געלט אונ מיט הייליגע מחשבות אונ דאס שרייבט ניט די תורה אז די קינדר ישראל האבן גיזעהן דאס דר חשבון איז ריכטיג דער פון איז אראיה אז לכתחלה איז ניט דער מיין גיוועזן כדי בודק צוא זיין משה רבינו ע"ה חלילה נור אדרבה אום ער זאל בעטראכטן די מחשבות פון ישראל:

# הפטרת פרשת זכור

ויאמר שמואל הלא אם קטן אתה בעיניך ראש שבטי ישראל אתה וגו' ויאמר שאול אל שמואל אשר שמעתי בקול ה' וגו' לזבח לה' וגו' החפץ לה' בעולות וגו' דר פירוש פון די פסוקים ווערט ערקלערט מיט דעם כלל וואס איז ידוע דאס מען טאר זיך ניט מתחכם זיין צו פאר מערן אויף די מצות פון השי"ת אדער פאר מינדערן אונ ענדערין אויף אהאר חלילה מיר באדארפין גלויבין דאס הקדוש ברוך הוא האט בוודאי ריכטיג איין גיארדענט אונ אלעם מסדר גיוועזן אנטקעגן די סודות פון די עולמות העליונים. אונ ווייל מיר מענטשין זיינען אז בלינדע דארינען דוכט זיך אונז עפיס אנדערם אונ דאמיט זיינן טאקע די גרעסטע לייט נכשל גיווארן. למשל שלמה המלך ע"ה וכדומה דאס גלייכן איז דאס גיוועזן דר חטא פון שאול המלך דען דר נביא שמואל האט אים אן גיזאגט אין דעם נאמן פון גאט ב"ה והמתה מאיש וגו' משור וגו' דוא זאלסט טייטן דאס פאלק עמלק פון דעם גרעסטן מענטשן ביז דאס קלענסטע שעפסעלע אונ ער האט זיך מתחכם גיוועזן דאס דעם אגג מלך עמלק האט ער גילאזט לעבן אויס רחמנות אונ די בעסטע בהמות האט ער גיבראכט אויף קרבנות. דרום זאגט דער נביא שמואל הלא אם קטן וגו' אויב דו וועסט זיך האלטן פיר קליין אונ אונוויסענד אום ניט משנה צוא זיין פון גאטס רייד דאס מינדעסטע דאן ראש שבטי ישראל אתה וועסטו קענן פאר בלייבן דער ראש ומלך איבר ישראל. ענטפערט שאול אשר שמעתי בקול ה' כלומר מיר דוכט זיך אז אזו איז גלייכער אונ נור דאס הייסט גיפאלגט גאט ב"ה. זאגט אים שמואל ניין החפץ לה' וגו' הנה שמוע מזבח טוב וגו' היינו דוא אליין ביסט זיך סותר ווארום קרבנות בריינגט מען נור אויף חטאים אונ אויב דיא מעשה איז וויא דוא זאגסט אז גאטס ווילן איזט וויא דוא האסט גיטאן נוא צו וואס באדארפסטו קרבנות אלא דיא מעשה איז הנה שמוע וגו' פאלגן גנויא וויא הקב"ה האט גיבאטן איז בעסער פאר דיא בעסטע קרבנות:

קרע ה' וגו' ונתנה לרעך הטוב ממך. שמואל זאגט גאט האט היינט אפ גיריסן די מלוכה פון דיר אונ אוועק גגעבן צו דיין גיזעלן וועלכן ער איז בעסר פון דיר. דר מדרש שרייבט בשעת שאול המלך האט אויף גיבראכט דעם שמואלין נאכין טויט דורך די בעלת אוב אום וואס צו פרעגן ביי אים האט ער אים דאמאלסט דייטליך גיזאגט ונתנה לרעך לדוד גאט האט אוועק גיגעבין דיין מלוכה צוא דיין גיזעלן דוד. האט אים שאול גיפרעגט פר וואס דאמאלס האסטו מיר גיזאגט לרעך הטוב ממך האט ער גיענטפערט ווען איך בין גיוועזן אין דעם עולם השקר הוית שמיע מני מילין דכדיבין האסטו פון מיר גיהערט ליגן ווייל איך האב מורא גיהאט דו זאלסט מיר ניט אומבריינגן אבער איצונד דאס איך בין אין די אמתע וועלט הערסטו פון מיר נור ריינע אמת. איז קשה ער באדארף זאגן דאן האב איך גיזאגט שקר אונ איצטער זאג איך אמת אונ ער זאגט גאר דוא האסט גיהערט. אויך האט דען שמואל דאמאלס ליגן גיזאגט חלילה. נאר די מעשה איז אזו עס איז פאראנען ענינים וועלכע פון דרך שלום וועגן מעג מען עפיס משנה זיין אין דעריין אבער דער חכם ער זאגט קיין ליגין חלילה ניט נייערט ער דריקט זיך אויס מיט איין צווייא דייטיגין לשון כדי דר וואס הערט זאל מיינן אזו אונ באמת איז זיין כוונה גאר אנדערם ווי מיר גיפינן די חכמים ז"ל זאגן דאס וואס דניאל האט גיזאגט צוא

נבוכדנצר

גבוכדנצר חלמא לשנאך ופשריה לעריך דאס טייטש דר בייזר חלום זאל אויס גיין צו דיינע שונאים אונ דער פתרון צו דיינע אום פריינד. איז זיין כוונה גאר גיוועזן מיט די רייד צו הקב"ה. אויך אז אסתר המלכה האט גיזאגט אם מצאתי חן בעיני המלך וגו' איז איר מיין גיוועזן צום מלך מלכי המלכים הקב"ה. אזו אויך דא שמואל הנביא האט חלילה קיין שקר גיזאגט נייערט מחמת מורא האט ער פון דרך שלום וועגן גזאגט סתם לרעך הטוב ממך כדי שאול זאל זיך טראכטין אז דאס איז בוודאי גימיינט אויף זיין זון יהונתן וויא דר שטייגר פון מענטשן איז צו מיינן עס וועט זיין וויא עס ווילט זיך אבער נאכן טויט האט ער אים שוין אויס גזאגט קלאר אז דאס איז גימיינט דוד דרום זאגט רעכט שמואל הוית שטיע מני מלין דכדיבין דוא האסט גיהערט כלומר פר שטאנן אין מיינע רייד ליגין אבער איך האב דאס אלס אויך גימיינט נור וויא דער אמת איז אויף דוד וכדין לית אנת שמיע מני אלא מלין דקשוט דאס טייטש איצטר הערסטו אליין אויך נור אמת דעם נאמן דוד מפורש. ונתנה לרעך הטוב ממך דר מדרש שרייבט מיט דעם זעלביגן לשון וואס פון שאול איז דיא מלוכה צו גינומען גיווארן האט זיא זיך אומגיקערט צו אסתר המלכה אז עס איז גישריבן אין אחשורוש ומלכותה יתן המלך לרעותה הטובה ממנה דאס טייטש ממוכן האט גיזאגט די מלוכה פון ושתי זאל דר מלך איבר געבין צו איר פריינדין וועלכע זיא איז בעסער פון איר. אונ דאס איז גיוועזן אסתר. צו פר שטיין דעם לשון המדרש דיכטיג אונ וואס ארט אים דא וועלן מיר מקדים זיין אדמיון. אשלעכטע אשה באמת וואס דער מאן אירער האט זיך שוין גילאזט בייגן אנטקעגן איר וויא זיא אליין האט גיוואלט אונ דאך ליידעט ער פון איר צרות דאן חאפט דר מאן אונ גט איר אפ וואס גיכער אונ בעטראכט ניט צו וועט ער באקומן אבעסרע פון איר אדר ניט אבי נור דער ווייל פון איר פטור ווערין אבער אזו איין אשה וואס עס האט זיך גימאכט מיט איר דאס זיא האט אין איין זאך פר קרימט אנטקעגן מאן אונ ער וויל איר אפ גטין מחמת ער וויל האבן איין פרויא וועלכי זיא זאל זיין אין אלעם גיהארכזאם אונ גוט באמת וואס דאס איז אונמעגליך. דער מענש מוז שוין זיך גוט בעטראכטן וואס ער טוט דען פיליכט וועט ער קיין בעסרע בעקומן אונ אפשר נאך גאר איין ערגערע. אם כן איז אקשיא מיט וואס פאר איין אופן הייסט ממוכן מען זאל תיכף אפ טאן די ושתי פון איר מלוכה איבר א[illegible] איין קליינעם חטא אונ נאך מער ער איז מבטיח דעם אחשורוש אז די אנדרע וועט זיין בעסר פון איר. דאס גלייכן שמואל האט גיזאגט ונתנה לרעך הטוב ממך איז קשה אמענטש איז דאך איין בעל בחירה. על כן וויא אזו האט מען מעביר גיוועזן דעם שאול פון דער מלוכה איבר אזו אקליינעם פר זעהן אונ פון וואנן קען מען וויסן דאס דער צווייטר מלך וועט בעסר זיין. אלא דר טעם איז ווייל הקב"ה האט זיך סומך גיוועזן ווען דער אנדערער וועט זעהן דעם ערשטינס עונש פאר זיין ניט פאלגין דא וועט ער מורא האבין אונ דרום וועט ער שוין גיוויס מער גיהיט זיין אין גאטס גיבאט. די זעלבע איז גיוועזן די כוונה מיט ושתי ווייל מען האט גירעכנט וואס צו ליב איר עונש וועט זיך דיא צווייטע שרעקין אונ גיוויס גיהארכזאם זיין. די רייד זאגט אונזער מדרש מיט דעם לשון כלומר איבער דעם טעם וואס די מלוכה איז צו גינומן גיווארן פון שאול אונ אוועק גיגעבן צו דוד וויא עס שטייט ונתנה לרעך הטוב ממך דאס איז גימיינט ער האט אוועק גיגעבן דיא מלוכה דיין חבר ווייל מחמת דיר וועט ער בעסער ווערן. אזו אויך איז צו גינומן גיווארן פון ושתי ווייל אחשורוש האט גירעכינט אז די צווייטע מלכה וועט זיך שרעקן פאר איר ביטערין פסק אונ וועט גיוויס גאר גוט זיין אין אלעם אז עס איז גישריבן ומלכותה יתן המלך לרעותה הטובה ממנה כלומר פון איר פסק וועט יענע פאר גיוויס בעסר זיין אלס זיא:

## הפטרת פרשת פרה

בן אדם בית ישראל יושבים על אדמתם וגו' ויחללו את שם קדשי באמור להם עם יי אלה ומארצו יצאו, אחמול על שם קדשי וגו' ולקחתי אתכם מן הגוים וגו' דאס הייסט הקב"ה זאגט דיא ישראל האבין מטמא גיוועזן זייער לאנד מיט זייערע מעשים רעים וויא דיא טומאה פון אנדה. דרום האב איך זיי פר טריבן אין גלות. נון זאגין צו זייא די פעלקר זייא זיינן דאך גאטס פאלק אונ פון זיין לאנד זיינן זיי ארויס גיגאנגן כלומר כביכול זיין כח איז שוואך זיי צו העלפן אונ דר פון קומט ארויס אחלול השם פר מיר דרום האב איך זיך דער בארימט אויף מיין

היילינגן

היילינן נאמן און איך גם ווי ארויס פון די פעלקר
איז קשה אין פרשה נצבים שטייט ואמרו כל הגוים
וגו' מה חרי האף הזה וגו' על אשר עזבו את ברית יי אלהי
אבותם וגו' היינו די פעלקער וועלן זאגן דאס דיא
צרות וואס אידין ליידין איז נור מחמת זייערע
עבירות און ניט ווייל השי"ת קען חלילה ניט
העלפן דאצו. דר תירוץ איז אזו. מיר געפינען
אמאל ווען מען טוט איין עבירה בסתר איז
ערגער אלס וויא בפרהסיא. למשל א גנב האט
די תורה גיהייסין באצאלין אין כפל אדער פיר
פינף מאל אזו פיל אז די גנבה האט בעטראפן
און א גזלן דארף נור אפ געבן די גזילה ווייל דר
גנב האט קיין מורא פר הקב"ה אבער פר לייטין
האט ער יוא מורא אבר דער גזלן ווייל ער גזלת
בפרהסיא דא האט ער קיין מורא ניט פר השי"ת
און ניט פר לייטין און לכל הפחות איז הקב"ה און
לייטן ביי אים גלייך. און אמאל געפינען מיר פר
קערט אז בפרהסיא איז אדרבה אסך ערגער. די
גמרא זאגט אין מועד קטן לעולם יעבור אדם עבירה
בסתר ואל יחלל שם שמים בפרהסיא עס איז גלייכער
שטילערהייט צוא טאן איין עבירה און ניט
בפרהסיא מחמת חלול השם. נור די מעשה איז
דאס. אין אנהייב טאן דיא עבירה איז טאקע
בפרהסיא ערגר ווייל אלע זעהן עפענטליך דאס
ער הערט השי"ת גאר ניט. ממילא איז א גרויסער
חלול השם. דר פאר אבר אז הקב"ה שטראפט
אים און אלע זעהן וואס פר א דין אמת ער איז
און ווען ער ווארט לאנג דאך בעצאלט ער
ריכטיג. דער פון קומט ארויס א כבוד וקידוש
השם פר גאט ב"ה. לאפוקי אבר דר צבועיאק
וואס פר די וועלט פר מאסקירט ער זיך און מען
האלט אים פר א צדיק תמים גאר א תכשיט. נאר
שטילערהייט טוט ער אלדאס בייז זאל זיין בשעת
ער טוט די עבירה ווייס קיינר ניט דרום איז פאר
הקב"ה קיין העדר הכבוד ניטא. דאך אבער
בשעת ער שטראפט דעם צבועיאק זייגען דיא
וועלט מתרעם און זאגין ח"ו עביד הקב"ה דינא בלא
דינא יענר צדיק ווערט געשטראפט גאר אן איושר
און וואס טויג ווען מען איז שוין גאנץ פרום דאס
איז א גרם צו חלול השם. און מחמת דעם טעם
זאגט דיא גמרא אין יומא מפרסמין את החנפים מפני
חלול השם ווען מען ווייס אז יענר צבועיאק האט
גיטאן די און די עבירה איז א מצוה מפרסם צוא
זיין כדי אין די צייט ווען ער וועט מקבל עונש
זיין זאל חלילה ניט זיין איין חלול השם פר
הקב"ה. בקיצור שטילערהייד אין פרבארגענעם
צו טאן איין עבירה איז בוודאי אסך ערגר ווייל
עס ווייזט אויס גלייך אז ער זאגט דאס כביכול
זעהט ניט וואס ער טוט נאר מענשין זעהן יוא
דרום היט ער זיך פון זייא און ניט פון אים. און
לסוף ביי א זיין עונש קומט ארויס א חלול השם
דאך בשעת דיא מעשה רע ווירד גישעהן איז
גלייכער עס זאל זיין בהסתר ווייל לעת עתה איז
דאך ניטא א חלול השם פר הקב"ה און קוק ניט
וואס לסוף בשעת זיין עונש וועט זיין. אזו וויא
די גמרא שרייבט אין מועד קטן אם רואה אדם שיצרו
מתגבר עליו כו' ווען איינר זעהט אז דער יצר הרע
איז זיך אויף אים מתגבר זאל ער אוועק גיין וואו
מען קען אים ניט און דארטן טאן וואס זיין הארץ
גילוסט כדי אין דעם בעקאנטין ארט זאל ניט
ארויס קומען א חלול השם בפרהסיא. איצונד וועלן
מיר זיך קערן צוא אונזער הפטרה. אלעמען איז
בעקאנט דאס השי"ת שטראפט מדה כנגד מדה
דרום אויף א ידועדיגע עבירה באקומט דר חוטא
זיין עונש אין זיין ארט וואו אלעמען איז ידוע זיין
חטא. און פר די עבירה וועלכע זיא איז געשעהן
בסתר ווערט ער גישטראפט אין איין פרעמדין
אונבעקאנטין ארט וואו קיינר ווייס ניט פון זיין
חטא. דאהער שטייט אין פרשה נצבים והנכרי
אשר יבא מארץ רחוקה וגו' דאס הייסט דר פרעמדר
וואס וועט קומען אין ארץ ישראל און זעהן דיא
אידעשע חטאים בפרהסיא דאן וועט ער זאגין
אז הקב"ה איז בוודאי גירעכט וואס ער שטראפט
זייא. אבער אין יחזקאל שמועסט ער אויס די
עבירות בסתר אז הקב"ה זאגט דארטין כטומאת
הנדה היתה דרכם לפני וויא די טומאה פון א נדה איז
זייער וועג גיוועין טמא אבר נאר פר מיר. כלומר
און חוץ מיר האט קיינער ניט גיוואוסט דרום
ואפיץ אותם בגוים האב איך זייא פארשפרייט אין
גלות וואו קיינער ווייס ניט פון זייערע חטאים
דאמאלס וועלן די אומות זאגן עם יי אלה ומארצו
יצאו כלומר ניט ווייל זייא קומט דעם עונש
נייערט הקב"ה כביכול איז ניט אין שטאנד צוא
העלפן זיין פאלק. דרום זאגט הקב"ה ואחמול וגו'
ולקחתי וגו' וזרקתי עליכם מים טהורים וגו' היינו צו ליב
מיין היילגן נאמן וועל איך אייך ריינגן מיט די
ריינע וואסר פון אייערע עבירות און וועל אייך
ברייגן צוריק אין אייער לאנד אמן:

כֹּה אָמַר אֲדֹנָי יֱהֹוִה בָּרִאשׁוֹן וגו׳ וְחִטֵּאתָ אֶת הַמִּקְדָּשׁ וגו׳ וְכֵן תַּעֲשֶׂה בְּשִׁבְעָה בַחֹדֶשׁ מֵאִישׁ שֹׁגֶה וּמִפֶּתִי וְכִפַּרְתֶּם אֶת הַבָּיִת

דאס טייטש הקב״ה זאגט לימות המשיח זאל מען דעם ערשטן טאג אין חודש ניסן מקריב זיין איין קרבן כדי דאמיט צו פאר געבין אויף דעם בית המקדש. אונ אזו אויך זאל מען נעמען קרבנות זיבען טעג אין דעם חודש פון איין מאן וועלכר ער פאר אירט זיך. אויך פון איין נאר. אונ איר זאלט פר געבין אויף דאס הויז (כלומר דעם בית המקדש). עס איז צוא פרעגן איינגע שאלות. ערשטינס ווען מען האט שוין מכפר גיוועזן אויף דעם בית המקדש דעם ערשטן טאג נון צו וואס איז נייטיג ווידר איןדעם זיבעטן טאג. צווייטנס ווארום אין אן פאנג רופט אים דר פסוק מקדש אונ נאכהער בית. דריטינס וואס בעטייט דר כפל לשון שוגה אויך פתי. אונ נאך דקדוקים וועלכע עס איז צו פאר שטיין פון ווייטערדיגע רייד. דאס אלעס וועט פר ענטפערט ווערן מיט איין משל. איין סוחר אין אגרויסע שטאט וואס האט גיהאנדילט מיט קרעמער פון די ארומיגע שטעטליך. איז גיוועזן זיין שטייגר דאס ער פלעגט זייא טרויען סחורה ביז דיא צייט וואס ער האט באדארפט פארין קיין לייפציג צום יריד קויפין פרישע סחורה. דאמאלם פלעגט ער פאנאנדער שיקן בריף אונ איטליכר קונד איז גיקומן צו אים זיך אפ רעכענן. איינעם פון זייא האט זיך אבר גיטראפן אסבה פון אשריפה אונ איז דער פון גיבליבין איין עני מדוכא. וויא עס איז אים אן גיקומען דער צאלונגס בריף איז ער גיווארין אצומישפר ווייל פון נאטור איז ער גיוועזן זייער איין ערליכער מאן אונ האט גאר ניט גיוואוסט וואס ער זאל אן הייבן טאן. ער האט זיך מישב גיוועזן מיט לייטן האט מען אים גיגעבן איין עצה ער זאל אריבר פארן צום סוחר אונ אים דר ציילן דיא אמתע מעשה. אונ וויא ער איז באוואוסט פיר איין גוטר אונ איין קלוגר מאן וועט ער אים בוודאי מוחל זיין דעם חוב. ער האט אזו גיטאן. אבר וויא ער איז אריין צום סוחר אין פאר הויז האט ער זיך גינומען באטראכטין די טובות אונ חסדים וואס יענר האט מיט אים כמה יאר גיטאן. אונ איצונד מוז ער דורך אים ליידן אזו אהיזק. האט אים פר קוועצט דאס הארץ אונ האט ארויס געפלאצט מיט איין גיוויין אויפן קול. וויא דער סוחר האט עס דער הערט איז ער ארויס גילאפן

אונ האט אים אריין גיפירט מיט גרוים מיטלייד צוא זיך אין קאבינעט. ער האט אים גיטרייסט אונ זאגט. זארג ניט ווענן מיין חוב ווען דו ביסט מיר גאר ניט שולדיג. אונ אקלארער מופת זעה דעם שטר חוב דיינעם דאס ער איז צוא ריסין דאהער גייא זיך לשלום אהיים. ער איז ארוים פון אים מלא שמחה. גייענדיג האבן אים בגעגנט בעקאנטע פרעגן זייא אים וויא עס איז מיט אים צו גיגאנגן ביי זיין סוחר. האט ער זיי דער ציילט דאס זיין ווייגען האט אים גיהאלפן ער זאל אים מוחל זיין דעם חוב וואס האט אן גטראפן אסומע פון אפאר טויזינט רובל. איינעם פון זייא איז דאס אריין גיקומען אין זינן. אונ איז אויך תיכף אריין גילאפן צו יענעם סוחר אין פאר הויז וויינן מיט אקול. אונ אז דר סוחר איז ארוים גיגאנגען אונ אים גיפרעגט וואס איז מיט אים. ענטפערט ער איך בין אגרויסר נצרך אונ איך פר לאנג איר זאלט מיר אויס העלפן מיט אפאר טוזינט רובל אזו וויא איר האט יענעם קרעמר גיהאלפן. האט דער סוחר אן גיפאנגען לאכין אונ זאגט. שוטה איינר. יענעם קרעמר האב איך דאמאלס גבארגט ווייל ער איז גיוועזן דר גרויסר בטוח. אונ איצונד אז איך ווייס דאס ער פר מאגט קיין פרוטה ניט. נוא מיט וואס וואלט איך בעסר מאכין ווען איך וואלט אים ניט מוחל גיוועזן ווען ער האט פארט ניט. אונ איצונד אז ער האט גיוויינט אונ איך האב אים מוחל גיוועזן הייסט דאס ביי אים לכל הפחות דאס איך האב אים גישיינקט אוויכטיגע מתנה פון צוויי טויזנט רובל. אבר אז דו מיינסט לכתחלה ביי מיר אויס וויינן מיט פאלשע טרערן אמתע אונ לעבעדיגע צוויא זעקלין רובילם במזומנים. נון אזו ווייט צו מיינן איז גיוויס איין נארעשקייט. דער ענין דר פון איז וויא די גמרא שרייבט אין מסכת יומא האומר אֶחֱטָא וְאָשׁוּב אֶחֱטָא וְאָשׁוּב אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה ווען איינר זאגט גישט קשה איך וועל זינדיגן אונ תשובה טאן. זינדיגן אונ תשובה טאן. שטערט מען אים מן השמים פון תשובה. רען מילא דער וואס האט שוין פר זעהן אונ עובר גיוועזן איין עבירה הייגט ער האט איבער געפירט איין פרעמדן קאפיטאל ניט ווילענדיג. אונ נאכהער קומט ער מיט אצובראכענעם הארצין פאר הקב״ה. וויוים איז הקב״ה איין רב חסד אונ איז אים מוחל. אבער דר שוטה וואס טענת אֶחֱטָא וְאָשׁוּב כו׳ דהיינו איך

ווייל

וויל תשובה טאן אום איך זאל קענען נאכהער זינדיגן. הייסט דאס ער וויל אוים ווייען מזומנע רובלים אונ אויף דעם סמך לכתחלה ניט אוועק צו געבן דרום איז ריין פסק אין מספיקין כו' דער צו וועלן מיר מקדים זיין דאס וואס איז ידוע דאס די צווייא מקדשים זייגען חרוב גיווארין נאר צו ליב אונזערע חטאים. אז דר מדרש דרשנת אלה פקודי המשכן משכן העדות. דאס ווייזט אויף די צוויי מאל וואס זיי זיינען פאר משכונט גיווארין צו ליב די חטאים פון ישראל. אונ לעתיד לבא וועט אלין מתוקן ווערן וויל די הנהגה פון הקב"ה וועט זיין דורך אוים מיט רחמים. אז דר נביא ישעיה זאגט אין דעם נאמען פון הקב"ה אנכי אנכי הוא מוחה פשעיך למעני וחטאתיך לא אזכור איך איך וועל אפ מעקין דיינע ווידער שפעניקייט פון מיינט וועגין אונ דיינע זינד וועל איך שוין מעהר ניט דר מאנען. די דאזיגע דאפעלע ווערטר אנכי אנכי אויך פשעיך אונ חטאתיך איז ארמז אויף די עבירות פון בית ראשון אונ בית שני אויך איז באוואוסט וואס די גמרא אונ מדרשים דער ציילן דאס אין דעם צווייטין בית המקדש האט שוין גיפעלט כמה הייליגע זאכן. מיט די הקדמות קענען מיר זיך שוין קערן איצונד צוא אונזער הפטרה. השי"ת זאגט בראשון וגו' וחטאת את המקדש אין משיח צייט זאל מען פריער מקריב זיין אקרבן כדי מתקן צו זיין די חטאים פון מקדש ראשון. שטייט ווייטער וכן תעשה בשבעה בחדש היינו דעם זיבעטן טאג אין חודש ניסן זאל מען צו נעמען קרבנות פון אלערליי מיני בעלי עבירות. מאיש שגה מייא פון אזעלכען וואס ער איז נור גישטרויכלט גיווארין אין איין עבירה אומגערן אונ איצונד ווערט ער איין בעל תשובה אונ ברייגגט אקרבן מיט ווידוי ותחנונים. דאס הייסט איין ערליכר מאן גיהאנדלט ערליך נאר מחמת עפים אסבה קען ער ניט צאלין אונ קומט זיך בעטין מיט טרערן מען זאל אים מוחל זיין אויך ומפתי מען זאל אן נעמען אקרבן אפילו פון דעם נארישען מענטשין דאס ער איז אמאל גיקומען אוים ווייגען אפאר טויזנט רובל כדי לכתחלה ניט אוועק צו געבין דאס איז גימיינט דעם וואס האט גזאגט אחטא ואשוב כו' אלעם וועט ווערין באווילגט פאר גאט ב"ה וויל דאמאלס וועט זיין אפין די אלע טויערן פון תשובה אונ די שערי רחמים פיר אלעמען יהיה מי שיהיה. וכפרתם את הבית אין יענעם טאג וועט איר דאמיט פר געבן די זינד פון הויז דאס איז גימיינט דעם בית שני. אונ וויל אין אים האט שוין גיפעלט פיל הייליקייטן וויא מיר האבן פריער דר מאנט דרום רופט ער אים מיטן נאמן בית כלומר ער איז גיוועזן אין דיא בחינה פון קדושה אנטקעגן דעם בית ראשון נור אז סתם אהויז. אבער דעם בית ראשון רופט ער פריער מיטן נאמען מקדש. דאס טייטש אהייליגטהום פול מיט קדושה:

## הפטרת שבת הגדול

וערבה ליי מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמוניות. אין מדרש פרשה בא אויף דעם פסוק החדש הזה לכם ראש חדשים וגו' ווייזט אוים דאס פר מתן תורה זיינען די ישראל גיוועזן בדמיון קרובים מיט השי"ת אזו וויא עם איז גישריבין לבני ישראל עם קרובו אונ נאך דעם הייסט דאס ער כביכול האט מיט אונז אשידוך גיטאן וויא דר פסוק זאגט העם בחר לנחלה לו. אויך ווערט די אומה גירופין אין שיר השירים אחותי כלה. נוא דארף דאך אין פלוג די אהבה זיינע גרעסר זיין נאך מתן תורה צו אונז. דרום איז קשה ווארום גיפינן מיר פארקערט דאס אדרבה פריער איז זיין ליבשאפט צו ישראל אסך שטארקער גיוועזן וויא דר נביא הושע זאגט כי נער ישראל ואוהבהו דאס טייטש ווען ישראל איז נאך אקינד גיוועזן דאמאלס האב איך אים גיליבט. אויך שרייבט דער מדרש אין פרשה ויקרא ווערענד ער דער ציילט וויא דיא אבות האבין מקיים גיוועזן כל התורה כלה פר מתן תורה לפיכך אהבם הקב"ה אהבה שלמה ועליהם אמר דוד אשרי תמימי דרך וגו' דאס טייטש דרום האט הקב"ה זיי געליבט מיט איין אמת אונ אויף זייא האט דוד המלך ע"ה גיזאגט אשרי תמימי וגו' דר פון איז אויך משמעות אז צו די שפעטערע צדיקים איז זיין אהבה ניט אזו גרויס גיוועזן. דיא שאלה וועט מתורץ ווערן מיט איין קורצן משל. צוויי קרובים פלעגן זיך שיקן פורים שלוח מנות. דאס קלענסטע וואס מען האט נור גישיקט פלעגין זייא איינער פון דעם אנדערן אן נעמען מיט גרוים פריינדשאפט. אמאל האבן די קרובים גיטאן צווישן אנאנד אשידוך. האט די כלה גישיקט דעם חתן שלוח מנות וויא דער סדר עולם איז. דאן האט ער גוט באטראכט אונ גיפונען דארין חסרונות ביז דר פון איז ארוים גיוואקסין אמחלוקת. אונ אז מען האט אים גיפרעגט

גיפרעגט וואס איז עפיס דר יאהר אנדערש אז אלע יאהר. האט ער אזו גיענטפערט דאס איז טייגע מתנות וועלכע דר מחותן האט זיך מתחייב גיוועזן צום תנאים עס זאל באטרעפין איין סך מסוים און איצונד האט דאס גאר ניט די ווערדע פיל מען האט אפ גירעט. אבער יענע יארן איז דאס גיוועזן נור בתורת נדבה וחסד. דרום איז רעכט גיוועזן ביי מיר וואס עס איז. דר נמשל פר שטייט זיך פון זיך זעלבסט. פר מתן תורה אז מיר זיינען נאך קיין מחויבים ניט גיוועזן צוא מצות דריבער האט הקב"ה נאר עפיס אמצוה און האטשע זיא איז ניט אזו גיטאן גיווארן בקדושה וטהרה אנגינומען מיט גרויס ליבשאפט. אבער נאכהער וויא הקב"ה האט מיט אונז איין שידוך גיטאן און מיר האבין זיך מתחייב גיוועזן נדן און מתנות תרי"ג מצות. ווען מיר זיינען ניט מקיים ריכטיג ווערט הקב"ה ברוגז און די אהבה איז שוין ניט אזו גרויס אז פר דעם. דרום בעטן מיר וערבה לה' וגו' עס זאל זיין אן גינומען ביי גאט ב"ה די מתנות וועלכע אידן ברייגגן פר אים וויא פר צייטן אין די ערשטע יארן פר קבלת התורה. כלומר הגם דיא מחשבה און די הארץ איז ניט אזו ריין וויא גיהעריג איז. זאל ער אויך אן גענעמען פר גוט. אני ה' לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם דאס טייטש איך גאט האב ניט משנה גיוועזן און איר קינדר פון יעקב זייט ניט כלה גיווארן. דר פירוש דר פון איז אזו. למשל איינר האט אוועק גיפירט זיין זון לערנען אין איין אנדר שטאט און האט פאר אים באדונגן קעסט ביי איינעם א בעל הבית. בתוך כך איז דער זון קראנק גיווארן און האט קיין זאך ניט גיקענט אין מויל אריין נעמען לסוף אז דער פאטער איז גיקומען אפ נעמען און דר בעל הבית האט גיבעטן פר קעסט פיל ער האט באדונגן טענת דר פאטער ווארום זאל איך דיר צאלין ווען ער האט ניט גיגעסן רופט זיך אפ יענער. שוטה פרייא זיך אז איך בעט ניט מעהר דען ווער פאר שטייט דאס ניט אז די הוצאות פון א קראנקין זיינען פיל מעהר איידר פון א גיזונטן. די מעשה איז אזו. די גמרא שרייבט אין מסכת יומא ירמיה און דניאל האבן ניט גיוואלט זאגין האל הגבור והנורא ווייל גאטס גבורה און פארכטיקייטין זעט מען ניט לאחר החורבן בפרסום אין דר וועלט כלומר מען זעט ניט נסים ונפלאות וויא פר צייטן. זיינען גיקומען דיא אנשי כנסת הגדולה און האבן יוא גיזאגט ווייל דאס גופא איז אדרבה זייגע גבורות ונוראות דאס אזעלכע קראנקע אידין בגוף ונפש האבין א קיום צווישין אומות אכזרים אין אזיא און אפריקא. נוא וואס דארפין מיר גרעסערע נסים אז דאס איז. דאס זאגט השי"ת אני ה' לא שניתי איך האב ניט משנה גיוועזן פון מייגע פאריגע נסים איצונד אויך. דען ואתם בני יעקב איר אידן וואס איר זייט קראנק אין גלות בגוף ונפש און דאך זייט איר ניט כלה גיווארן עד היום:

הביאו את כל המעשר אל בית האוצר וגו' ובחנוני נא וגו' והריקותי לכם ברכה עד בלי די השי"ת זאגט פרובירט אפ געבן די מעשרות וויא גיהעריג איז דא וועט איר זעהן אויב איר וועט ניט האבן מזל ברכה אריבער און אריבער. ווארום האט ער גיהייסין מאכין א פראבע דווקא מיט די מצוה פון מעשר וצדקה און ניט מיט איין אנדער מצוה. ווערט דאס ערקלערט מיט א משל. א סוחר איז גיקומען אויף א יריד מיט א וואגין טייערע שניט סחורה און זאגט דאס יעדר שטיק האלט למשל זעכציג איילין. דער קונה וואס האט אפ גיקויפט גאר די סחורה האט קיין צייט גיהאט גאר איבר צו מעסטין. דרום האט ער ארויס גינאפט דאס גרינגסטע און דינסטע שטיק און איבר גימאסטן און אז ער האט גיפונען ריכטיג זעכציג איילין דאן האט ער שוין גיוואוסט אז אין די איבעריגע איז בוודאי דא די מאס ריכטיג. דאס גלייכין הקב"ה איז גיקומען מיט זעקס הונדערט און דרייצעהן שטיק סחורה דאס הייסט די תרי"ג מצות. און זאגט אז זיי האלטן אין זיך איין גאר דיא ברכה און הצלחה פיר ישראל און צום פראבע הייסט ער נעמען דיא גרינגסטע מצוה היינו די מצוה פון מעשר און צדקה ווייל זיא איז נגד השכל צו גלויבן ווען ביא מיר וועט בלייבן ווייניגר דר פון וועט ווערן מעהער און מעהער. און ווען מען וועט זעהן אז דאס איז ריכטיג דאן וועלן מיר וויסן אז די איבעריגע זעקס הונדערט און צוועלף מצות וועלן בוודאי ברייגגען ברכות והצלחות:

הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא וגו' והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם וגו' איך וועל שיקן דעם אליה הנביא און ער וועט ווידער קערין דאס הארץ פון עלטערן אויף דיא קינדער און פון דיא קינדער אויף זייערע עלטערן. דיא

דקדוקים פון דעם פסוק זיינן פיל. עס ווערט אבער דייטליך ערקלערט על דרך המוסר. דר סדר עולם איז אין דער יוגענד איז מען אריין גילייגט אין תאוות עולם הזה אונ וויא עס קומט אויף דר עלטר אז עס גייט שוין אוים די כחות דאן ווערט מען פרום אונ מען הייבט אן פאסטין וכדומה. אונ אין אמתן באדארף זיין גאר דער היפוך דאס אין דיא יונגע יארן ווען מען האט רעכטע קרעפטין דארף מען עוסק זיין בתורה ועבודה אונ ברעכן די תאוות היצה"ר אונ לסוף אויף דער עלטר דארף מען זיין בעסר רוהיג אונ פרשפארן תעניתים. דרום זאגט ער דאס לימות המשיח וועט אליהו הנביא קערן דאס הארץ פון עלטערן אויף קינדער אונ די הארץ פון קינדער אויף די עלטערן. כלומר אין דר יוגנט וועט מען שוין האבין דעם פאר שטאנד פרום צו זיין אזו וויא איצטר אין דער עלטער. ממילא וועט מען שוין קענן לעבן רוהיג אונ מיט פר גניגן אויף די אלטע יארן וויא איצונד אין די קינדרשע יארין

# הפטרת שבת ראש חודש

כה אמר יי השמים כסאי וגו' ואל זה אביט אל עני ונכה רוח וגו' הקב"ה זאגט די הימל איז מיין שטול אונ אלעס האב איך באשאפן אונ דר הייבט קוק איך אויף דעם ארעמאן אונ דעם צובראכינעם גימיט דאס הייסט דער נביא מיינט אין אונז איין צוא פלאנצן די אמונה פון השגחה על כל פרט ופרט. אונ ניט ווי די דעה פון די אלטע פילוסופים וואס זאגן עזב יי את הארץ דאס גאט האט פר לאזין די אונטערסטע וועלט אונ קוקט ניט אויף איר ווייל עס איז פר אים גאר ניט פאסיג ער זאל טראכטן אויף אזעלכע נידעריגע ענינים. מיר גיפינן רבי יוחנן זאגט אין מסכת מגילה כל מקום שאתה מוצא גדלתו וואו נאר עס געפינט זיך גירעט פון דיא גרויסקייט פון השי"ת דארטין דערביא שטייט שוין פון זיינע עניוות. אראיה דער צוא איז פון תורה אונ פון נביאים אונ פון כתובים. דא איז נייטיג צו בעטראכטן ווארום ברויכט רבי יוחנן צו ברייננן די אלע דריי ראיות. נאר די מעשה איז אזו. אפט מאכט זיך דאס איינער קוקט ניט אליין אויף אלע זיינע עסקים אונ פר לאזט זיך אויף פרעמדע הענט. איבר איינע פון די דאזיגע דרייא סיבות. ענטוועדער ווייל ער האט גינוג משרתים וואס ער קען זיך אויף זייא פאר לאזן.

דרום ברייננט ער דעם פסוק פון תורה אלהי האלהים ואדוני האדונים וגו' עושה משפט יתום וגו' אום צו ווייזן אז הקב"ה טוט ניט אזו אונ חאטשע ער האט אונטער זיך גינוג הערשאפטן מלאכים דאך קוקט ער אליין אויף גאר די שוואכסטע לייטן. הייננו אגר. יתום. ואלמנה. אונ אמאל טרעפט ווייל יענר איז זייער גרוים איז דאס ניט זיין כבוד ער אליין זאל אכטונג געבן אויף אזעלכע קלייניקייטן דרום ברייננט ער דעם פסוק פון נביאים מרום וקדוש אשכון ואת דכא וגו' גאט ב"ה זאגט איך רוהע זייער הויך אונ דאך בין איך מיט דעם נידער געדריקטען. אויך גיט עס אמאל מען איז באשעפטיגט מיט גרויסע עסקים דרום איז מען ניט משגיח אויף נידריגע ענינים. דרום ברייננט ער דעם פסוק פון תהלים סולו לרוכב בערבות וגו' אבי יתומים וגו' כלומר הגם דר בורא יתברך באוועגט אלע גלגלים אין הימל. פון דעסט וועגן איז ער אפאטער פון יתומים אונ אדין פון אלמנות:

שמעו וגו' אמרו אחיכם שנאיכם מנדיכם למען שמי יכבד יי ונראה בשמחתכם והם יבשו עס טייטש הערט צו גאטס רייד איר צדיקים יעדער פון אייערע ברידר די שונאים וועלכע פר וואגלן אייך דאס הייסט דיא רשעים האבין אזו גיזאגט. פון מיין נאמן וועגין וועט גאט גיעהרליכט ווערן אונ מיר וועלן זעהן אין אייער שמחה. אבער ניין זיי וועלן פר שעמט ווערן. דעם טעם וויא אזו פארט וועלן גאר די רשעים קענן מיינן אז הקב"ה האט כבוד דורך זייא. אונ דרום זאלן זיי אויך נעמן אטייל אין די שמחה פון צדיקים. וועט ערקלערט ווערן מיט אמשל. איינער איין ארימער גילייממטער (פאראליזירטר) רחמנא ליצלן. פלעגן אים זיינע קינדר ארום פירן אויף דער וועלט בעטן נדבות אונ דר פון האבן זיי זיך אלע מפרנס גיוועזן. ביז זיי זיינן גיקומן אין אשטאט פון דקטורים אונ זיי האבן אים גיזונט גימאכט. דאן האבן די קינדר אן גיהייבן זארגן. פון וואנן וועלן מיר דא לעבן. האט דר פאטר זיך אפ גירופן. שוטים ביז איצונד בין איך זעלבסט גיוועזן אקראנקער קייליקע אונ איר אלע צוא ליב מיר זייט איר גיוועזן גיזונטע קייליקעס איצונד אבר וועלן מיר אליין קענן פר דינען. דער נמשל איז וויא עס איז ידוע אין די צייטן אז דיא ישראל זיינען ניט אזו פרום. טוט הקב"ה מיט זייא חסד אונ שאצט זייערע מעשים אנטקעגן די מעשים פון רשעים. דאן ווערן זייא

שוין גירעכנט אנטקעגן זיי צדיקים. און הקב"ה קען זיך מיט זייא רימען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ישראל אשר בך אתפאר. נמצא ווערן די רשעים אסבה צו דעם כבוד פון השי"ת. און מיר קיליקעס ווערן דר ווייליע גיהאלפן צו ליב זיי מצד גאטס רחמנות. אם כן באדארף דאך די רשעים עפיס אויך קומן אשכר ווייל זייא זיינן אגרם דער צו. נאר די מעשה איז ניט אזוי וואָרום ווען ניט דיא רשעים וואלטן זיי גיווען נאר רעכטע צדיקים און וואלטן גאר ניט דארפן גישפייזט ווערן פון מדת הרחמים אבער איצונד לערנן זיך אפ די צדיקים פון זייערע שכנים און ווערן אויך ניט ווי גיהעריג איז און מוזין אן קומען בעטין נדבות פון בורא יתברך אז דיא חכמים ז"ל זאגן הרבה שכנים הרעים עושים שלעכטע שכנים ווירקין גינוג אויף פרומע לייטן וויא דר פסוק זאגט אין תהלים ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם. איצונד פאר שטייט זיך אונזער הפטרה אמרו וגו' למען שמי יכבד יי די רשעי ישראל זאגן דורך אונזערע מעשים רעים האט גאט כבוד ונראה בשמחתכם דרום וועלן מיר טאנצן אויף אייער שמחה. אבר ניין והם יבשו זיי וועלן פר שעמט ווערין. ווייל דיא טובה פון רשעים איז גאר גווען איין רעה פיר די צדיקים:

שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה עס טייטש פרייט זיך מיט ירושלים איין פרייד אלע וואס טרויערן אויף איהר. עס איז אקשיא דר ווארט משוש איז איבעריג. דר תירוץ איז בדרך דמיון. עס איז ארוים אקול אויף איינעם דאס ער איז גישטארבין אין מרחקים. נאטירליך וואס מער איין נאהענטר קרוב האט אלין מער גיטרויערט אויף אים. און דר נאך איז יענר גיקומן בשלום אהיים. איז דיא שמחה פון יעדערן אויך גיוועזן נאכין ערך פון יעדערינס פריערדיגין טרויער. למשל דיא ווייב און קינדער גאר פיל און וואס אגליד ווייטר איז אלין די שמחה גיוועזן קלענער און קאלטער. נון בעת דיא גאולה שטייט אין ירמיה והפכתי אבלם לששון איך וועל פאר קערין זייער טרויער צו פרייד כלומר נאך דעם ערך וויא לויט יעדערער האט זיך מצער גיוועזן אויף דעם חורבן בית המקדש אזוי ווייט וועט אים השי"ת מזכה זיין ער זאל פילן דיא גרויסקייט פון דיא ישועה. הגם מען וועט געבין אלעמען גלייך כדי עס זאל ניט זיין קיין קנאה שנאה ח"ו. וויא מיר געפינען אין דעם מן האט איטליכער גיפילט אטעם נאך זיין עלטער און נאך זיינע מעשים נאך הגם אלע האבן גיקליבין אגלייכין עומר. דרום זאגט דא השם יתברך שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה יעדערער וועט האבין אבאזונדר פרייד. איינעמס וועט ניט זיין גלייך צום אנדערינס דאן איטליכענס שמחה וועט זיין לפי ערך פון זיינע אבילות וואס ער האט גיקלאגט אויף ציון. וויא גרויס זיין קלאג איז גיוועזן אזוי גרויס וועט זיין דיא שמחה זיינע. דאס אלעס איז צוא לערנען פון איבעריגין ווארט משוש:

# הפטרת מחר חודש

ווען ראש חודש געפאלט זונטאג לייענט מען אום שבת ערב ראש חודש דיא הפטרה:

ויאמר לו יהונתן מחר חודש וגו' ואני שלשת החצים צדה אורה לשלח לי למטרה וגו' הנה החצים ממך והנה קחנו ובואה כי שלום לך וגו' החצים ממך והלאה לך כי שלחך יי הינו יהונתן האט אפ גירעט מיט דודן ער זאל אים מודיע זיין אויב זיין פאטער שאול המלך איז גוט צוא אים אדער ניט דורך דעם סימן. איך וועל שיסין דרייא פיילין אין ציל אריין. אויב איך וועל זאגין צו מיין יונג. די פיילין זיינען פון דיר און אהער צו. קענסטו נעמען און קומען צו מיר. וואָרום דאס ווייזט אויף שלום פון הקב"ה צו דיר ווען אפילו מיין פאטער האט בייזעס גירעט אויף דיר (אזוי מאכט רש"י). אבער אז איך וועל זאגין דיא פיילין ליגין פון דיר און ווייטער דאן מוזטו פון דאנען אפ טרעטין וואָרום גאט האט דיר פאר שיקט. דא איז צו פרעגין אויף רש"ים פירוש איין הארבע קשיא. ווען שאול וועט עפיס וואס בייזעס ריידן אויף דודן דאן וועט דאך יונתן ניט זאגין ממך והנה (דיא פיילין ליגען אהער צוא) נייערט ממך והלאה (פון דיר און ווייטער) גם בעדארף מען פאר שטיין וואָרום דווקא פיילין און דרייא ניט קיין אנדער צאל. דער תירוץ איז מיט איין משל. איין עושר האט גיהאט אזון איין ארעם מאן. זיין גאנצער חיות פלעגט ער נאר ציען פון פאטערס הויז אפילו חתונה מאכין זיינע קינדער דאט אויך דער פאטער גינעבין נדן און אלעס. אמאל איז גיקומען איין שרכן צו איין גביר פון יענעם

ארום

שטאט ריידין זיין זון איין שידוך מיט יענעם
ארעם מאנס איין טאכטער . אונ ער האט אים
פאר גילייגט דאס מען גיט איר נדן עטליכע
טויזינט רובל במזומנים אונ אז דער גביר האט
אים גיפרעגט פון וואנען ווייס ער דאס צוא
זאגין אזו ריכטיג . ענטפערט דער שדכן איך
האב אליין גיהערט פון איר פאטערס מויל .
האט זיך יענער פאנאנדער גילאכט אונ זאגט
דער ארעמאן קען נור זאגין אבער ניט געבין .
סיידין אז איך וועל דאס הערין פון איר זיידינס
מויל דאמאלס וועל איך ערשט ווייסין אז עס
איז ריכטיג . דער נמשל איז איין מוסר השכל .
דער כלל איז אן דעם ווילין פון הקב"ה ווערט
קיין זאך ניט גישעהען וויא דר מקונן זאגט אין
איכה מי זה אמר ותהי יי לא צוה מפי עליון לא תצא
הרעות והטוב סייא נוטש סייא שלעכטש קען ניט
געשעהען אן זיין רצון ית' אונ וואס דר מענטש
אליין רעט אונ טוט איז גאר נישט . אויך אפט
גיט עס אז מען מיינט דעם חבר צו טאן ארעה
אונ דער פון גופא וואקסט אדרבה ארויס
אטובה . צום בייא שפיל דיא שבטים מיט
יוסף אדער המן מיט מרדכי וכדומה . דאס
גלייכין האט יונתן גירעכינט ווען אויך שאול
וועט זיך בעשליסען בייז צוא טאן דעם דוד'ן
דאך קען זיין אז ער דארף זיך גאר ניט שרעקין
פאר אים סיידין אז ער וועט ווייסן דאס הקב"ה
האט אויך מסכים גיוועזין דער צוא . דרום
האט ער גימאכט דעם סימן מיט דיא פיילין
דער פון וועט ער פארשטיין אויב עס איז מן
השמים אדער ניט אונ אזו איז גיוועזן אימער
דער שטייגער פון יהונתן צוא בוועין זיינע
מעשים אויף סימנים וויא מיר גיפינען אין דיא
מלחמה מיט די פלשתים . איצונד פערשטייען
מיר שוין דיא היילינע רייד פון רש"י זכרונו
לברכה . יהונתן זאגט איך וועל שיסין דיא
פיילין לשלח לי למטרה כדי צו דער גיין מיין ציל
כלומר דער פון וועל איך ווייסין אויף קלאר
אויב אין הימל איז טאקע אזו נגזר גיווארין
אדער ניט אז דיא פיילין וועלין פאלין נאהענט
אונ אז איך וועל זאגין צום יונג דיא פיילין
ליגין נאהענט צוא אונז דאס איז אסימן דאס
השם יתברך איז מיט דיר . דרום קענסטו
קומען צו אונז אונ דארפסט קיין מורא האבין
ווען אפילו איך האב גיהערט וואס בייזעס פון
מיין פאטער אויף דיר ווארום זיין מחשבה
וועט קיין קיום האבין . אונ אויב עס וועט
פאלין ווייטער אונ דרום וועל איך זאגין אז עס
ליגט ווייטער לך כי שלחך יי דאן איז אסימן אז
גאט פערשיקט דיר אונ דוא מוזט אנטלויפין
פון דאנען ווען אפילו דער פאטער וועט ריידין
גוטעס פאר דיר . ווארום דאס וואס דער
מענטש דער ארעמאן זאגט צוא נדן איז גאר
נישט אונ דער עיקר איז דיא דעה פון דעם
אלטען פאטער דר גביר השם יתברך כביכול .
אונ ווייל דער צדיק יהונתן האט זיך גיהיט פון
לשון הרע אונ ניט גיוואלט אויס זאגין דוד'ן
דריקליך דיא שלעכטע רייד פון שאול דרום
האט ער אפ גימאכט צו ווייזין אויפין וואונק
מיט דרייא פיילין ארמז דאס דורך לשון הרע
ווערין דרייא גיהרגת דער דער ציילער דער
צו הערער אויף יענעם וואס מען בערעט וויא
אונזערע חכמים ז"ל שרייבין אונז :